STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04173

YUNG GROZ

J. A. Weisman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יונג גראָז

יוד אלף ווייסמאַן

ניו-יאָרק

1928

284

דיר, מיין זונדעלע.

1

געטראָטן איבער פרעמדע שוועלן און געבעטן ברויט,
געזען ראַפאַעלן און מיקלאַנדזשעלא געלויבט,
געבלעטערט „קריג און פרידן“,
און פון באדלערן אַ שורה אויך דערמאָנט. —
גייט ער איצט אין זיין פוסטער וועלט,
אין אַ בלאָען מאַנטל מיט מעשענע קנעפּ,
מיט אַ שטעקן אין דער האַנט.
ווען אַ פויגל פליט פאַרביי, וואונדערט זיך און זאָגט:
אַ פויגל איז געפלויגן — ווי באַ היינען שטייט.

2

פיל מאָל בין איך געקומען אין דיין שטוב,
פיל מאָל בין איך זאַט געוואָרן פון דיין ברויט,
פיל מאָל געשלאָפן מיט דיר און מיט דיין ווייב
און פאַרבליבן ווי אַ גאַסט פון אַ וויטן לאַנד.
ביזט געגאַנגען אַרום מיר ווי אַ פאַרביינקטער ברודער
אַף די שפּיצן פינגער, שטילערהייט,
מיט ציטערדיקע הענט פון נחת און פון פרייד
צעעפנט די טויערן פון דיינע זומערדיקע גיטער.
כ׳בין געקומען, זיך געזעצט באַ אַ קליינעם ווייסן טיש,
מיט אַ וואַזע ווייסע בלומען איבער אים —
און ס׳האָט געשמעקט מיט פרילינג און מיט גראָז.

3

ער גייט פאַרביי די שטיבער און שלאָגט די שויבן אויס,
דער ווינט רייסט אַיין זיין העמד,
די הענט — צעפלאָכטענע שטריק,
די האָר, ווי אַן אַרויסגעוואָרפן ביסל מיסט.
די ערד שפּאַלט גריבער אונטער אים.
ער גייט און פאַלט און הייבט צוריק זיין האַנט,
און וואו זיין האַנט טרעפט אָן אַ ליכטיק שטיקל גלאָז,
טרעפט באַלד אַהין די נאַכט,
ווי אַ שוואַרצער שטיין,
און ס׳איילט די וויסטקייט אַקעגן אים אַרום.

4

אַלטקייט, מיט די קני אונטער זיך,
אין ווייסן ראָק פון רו, ווי אַן אַלטער גריך.
די יאָר, ווי תּלמידים אַרום אים,
הערן יעדן וואָרט און טראַכטן שטיל און לאַנג;
ווען ס׳קומט די זון אויף פון די בערג;
ווען דער טאָג גיסט זילבער איבער זיך;
ווען ס׳שאַרט די נאַכט פון יאָר מיד און מאַט;
ווען דער ערשטער שטערן שיינט אויף, ווי דער גוטמאָרגן
פון אַן אַלטן אידן.

5

דער ווינט טרייבט דיך אַרום,
ווי אַן אַראָפּגעפאַלן אָסיענדיק בלאַט.
האָסט געגרינט און גערייפט
אין דיין שטילינקער היים,
אונטער די צעצווייגטע טעג
פון דיין זומער,
ביזט יונג נאָך געווען
ווען דער האַרבסט איז געקומען.
איצט ביזטו שוין אַלט,
אַזוי ניט לאַנג האָט געדויערט דיין יוגנט.

6

שווער און צאַרנדיק איז געווען דיין טראָט,
שטיל פאַרטאַיעט אונטער דער שאַרפער בייזקייט פון דיין וואָרט,
זיינען מיר דערשלאָגענע געלעגן,
די קעפּ ניט געהויבן.
און ווען דו ביזט אָפּגעגאַן,
האָבן מיר אַ ברכה דיר געגעבן,
די ערד איז ווייך געוואָרן אונטער אונז,
מיר זיינען אויפגעגאַן יונגע בלעטלאַך פון צוגעטראָטן גראָז,
און גרין אויפגעבליט אונטער דער ווייסער זון פון אונזער זומער.

7

די זקנים פון מיין פאָלק, מיט לאַנגע גראָע בערד
אין טונקלע ברייטע רעק, ווייכע שטעק־שיך אַף די פיס,
אין איינגעשלאָסענעם טורם פון זייער טיפער אַלטקייט,
זיצן אַרום טיש פון אונזער גורל,
טראַכטן לאַנג און שטיל, —
ווען וועט קומען די ישועה איבער אונז.
און דער יונגער דור שפּאַנט אום אין יונגן וואַלד פון זיינע טעג
צווישן גרינע בערג פון זומערדיקע טרוימען,
מיט אַ געקרויזטן קאָפּ און אַ היים צעעפנטע האַרץ
(וואַרימקייט ווייעט ארום אים.)
מיט גרייטע, שטאַרקע הענט פאַר די קומענדיקע טעג פון מי,
און ווייס ניט ווען און וואוהין דער טאָג איז היינט צערונען
און וואָס דער טאָג וועט מאָרגן זיין איז ווייט פון אים די בשורה.

8

נעם אונז אויף אין דיין לאַנד ווי אלטע גוטע ברידער,
שטעל אַפן טיש דיין בעסטן אַלטסטן וויין,
ס׳ווייסע ברויט וואָס איז אויפגעקומען פון דיין ערד,
בעט אונז שטילן אונזער דורשט און הונגער,
אויסרוען די מידע שווערע גופים.
מיר וועלן וואוינען אין דיין לאַנד ווי אַלטע גוטע ברידער,
אָטעמען די רו פון דיין פרייער ערד
און אַ צווייגל ניט רירן אין דיין וואַלד.

9

אַ נאָר־וואָס אויפגעשלאָגן וואַסערל פון באַרג
בין איך אויפגעקומען אַף דיין שטילער ערד
אין אַ גאָלדענעם פרימאָרגן פון דיין זומער,
כ׳האָב געטראָטן איבער דינעם אויפגעשפּראָצטן גראָז
מיט גרינגע וואַקלענדיקע טריט.
איז אַ יונגער קאַלב געקומען טרינקען פון מיין האַרץ,
אַ פרילינג־שוואַלב איז צוגעפאַלן שטילן זיין ערשטע דורשט,
אַ פויערשע מיידל האָט אָנגעשעפּט אַ קריגל ווייסע ליבשאַפט
און דערפרייט געגאַנגען שטיל אַהיים.

10

מיר וועלן אַלע אויפֿגיין אונטער דיר ווי קליינע חודש-רעטעכלאַך —
מיט שמאָלע יונגע גופֿים,
דין, גרין גראָז. —
וועסט שטיין איבער אונז אין די ערשטע טעג פֿון זומער
מיט אַ גאָלדיק-אויפֿגעשיינטן פּנים,
און שטיל און פֿריידיק קוקן אַף אונזער וואוקס.

11

אַן ענגע שאַרפֿע רייף דאָס לעבן אַרום דיר,
דיין אָפֿן מויל אָטעמט טיף און שווער,
דיין ווין האָבן מענטשן אויסגעטיילט צווישן זיך
ווען דו ביזט יונג און פֿול געווען.
ערגיץ שטייסטו אומעטיק אין אַ ווינקל פֿונם הויף —
אָטעמסט איין די איינזאַמקייט אין דיין ליידיקן גוף.

12

גוט אַזוי —
ביזט געווען אַזוי קליין,
אַזוי שטיל,
ווען איך בין געקומען צו דיר
און דיר גאָרניט געבראַכט
אויף מיין נאַקעטן גוף.

13

טונקל באַ דיר,
די נאַכט זיצט באַ דער שוועל פֿון דיין שטוב,
ווי אַן אַלט-געוואָרן ווייב,
און וועבט אַ קויטיק העמד
פֿאַר דיין לייב.

14

טעג, ליידיקע און שטומע,
גייען מיד און קריכנדיק פֿאַרביי,
ווי אַלטע, קראַנקע פֿי.
די פֿאַשע איז טרוקן,
רעגן האָט ניט גענעצט די ערד;
וויסט און דאַר שטייען די ביימער אין געלן האַרבסט.

15

כ׳בין שולדיק,
טראָג די משא פון מיין שולדיקייט,
ווי שווערן, גראָען שטאָל,
אַף מיינע מידע, נאָכגעלאָזטע אַקסל.
כ׳נעם אָן די זינד, נעם אָן די שטראָף,
און אַ געשטאַרקטער, אַ געהויבענער
וועל זיך דערטראָגן
צו דער שוועל פון דיין פאַרגעבונג,
אַ דערלייטערטער פון זינד.

16

פיראונצוואַנציק ווייסע ליכטלאַך
שוין בײַ מיין צוקאָפּנס,
רויט-געלע פלעמלאַך
איבער מיין געלעגער,
איבער דער וועלט.
כ׳האָב זיי צעשטעלט, —
פלאַמענדיקע אָסיען-טעג
ברענען,
צאַנקען אַף דער וועלט.

17

פון אייער מיד-און-מאַט-געוואָרן לעבן,
פון אייערע שוואַרצע נעכט,
פליסט די טונקלקייט,
ווי אַ מוטנער טייך
צווישן די אויפגעגרינטע בערג
פון מיין יונגער וועלט.

18

ווען כ׳קוק צוריק אין מיין לעבן —
זע איך זומער אין פעלד,
זאַנגען מיט צעעפנטע הערצלאַך,
גאָלד איבער זיי;
ווייסע קראָליקלאַך לויפן אַרום,
ווי קליינע פריידן,
ציענדיק בענקשאַפטן אונטער די טריט.

19

נאַקעטע וועלן מיר בײדע ליגן אַפן געזוניקטן הײ פון אונזער פעלד,
פריש־געשניטענע אונזערע טעג.
די סטערטע איז הויך, ברײט.
מיר וועלן זינקען אין דער רײפער װײכקײט פון איר לײב.
די זון וועט אונז זען,
און ווי אַ רויט־לאַקיקער שומר
היטן די נאַקעטקײט פון אונזערע לײבער.

20

באַם טויער פון דײן שטוב, באַ דײן שטילקײט —
מײן מיד צעוואונדיקט לײב.
כ׳בין געווען אין תּפיסה פון מײן פײנלאַכקײט;
אין דער הײל פון מײן עלנטקײט;
אין דער שרײַענדיקער שולדיקײט אין מיר.
אַ שאַרף און דײן געבעט
שנײדט זיך אין מײן לײב
אַרויס צו דיר:
קום און רו דײן פאַרגעבנדיקן בליק אַף מיר.

21

אַ ווײַס ניט־אויפגעשניטן בוך
האָב איך דיך געבראַכט אין מײן שטוב.
כ׳האָב זיך געזעצט באַ מײן שטילן טיש
און מיט מײן לײדנשאַפט, ווי מיט אַ דינעם מעסער,
אויפגעשניטן דיך.
כ׳האָב אַרויסגעלײענט פון דיר,
דיך אַרומגענומען,
און אײנגעשלאָפן אין דער שטילקײט אַרום אונז.

22

אַ געקוילעטע לעמעלע באַ מײנע פיס
די רויט־געצונדענע ווײסקײט פון מײן טאָג.
כ׳שטײ מיט מײנע נאָכגעלאָזטע הענט,
ברעמען צו דער ערד.
מײנע בלינדע אויגן קוקן וואו, וואו?
אַ טראָפן בלוט דער פאַרגאַנגענער לעצטער שטראַל
טרוקנט אַפן אויסגעצויגענעם טויטן האַלז פון מײן טאָג.

23

זיין ערד איז צו אים אַ פרעמדע געווען,
פאַרטרוקנט, פאַרדאַרנט און שווער.
דער וועג אונטער אים, דורך טאָלן און בערג,
מיט שטויב געדעקט.
ס׳גראָז אַף די פעלדער פאַרברענט.
ער איז געקומען צו אונז צעבראָכן און מיד ;
האַרבסט איבער אים.
אַ ווינקל געפונען אין אונזער היימישער שטוב
און שטיל זיך שלאָפן געלייגט.

24

ער האָט זי אָפּגעקויפט פון דער וועלט
פאַר אַ שטיקל שוואַרץ ברויט ;
זי אָפּגעפירט אַהיים
באַם שטריק אַפן האַלז. —
וועט זי שוין פאַר קיינעם עפענען איר טיר,
וועט זיצן שטיל הינטערן דיקן פאָרהאַנג פון איר קנעכטשאַפט,
און קיינער וועט מער ניט זען
די צעעפענטע, די אויפגעשפילטע ליידנשאַפט אין איר.

25

באַם ברעג פון דיין לאַנד,
איבערן ים,
גייען דיינע שיפן
פול געלאָדן מיט גאָלד.—
זאַמד אונטער דיר.
געל און פאַר׳יאוש׳ט דיין ערד.
אַ מאַט, געל קלייד
היינגט ברייטלאַך אַף דיין מאָגערן גוף.

26

שוואַרץ דער ים.
די נאַכט
שפרייט זיך פינסטער איבער אים.
די וואַלן
שטרעקן ווייסע קינדערישע הענט,
בעטנדיק הילף.

27

כ׳עפן אויף פֿאַר אײַך מײַן שטוב,
כ׳עפן אויף פֿאַר אײַך מײַן האַרץ, —
קומט און זעטיקט אײַך.
דורשטיקע און מידע,
פֿאַרטריבענע, פֿאַרהאַסטע,
אָן אַ היים און אָן אַן ערד,
זעטיקט אײַער הונגער;
שטילט די צעברענטע דורשטיקייט
אין אײַערע אָפּגעטראָגענע לײַבער.

28

דער קלײנער אַלטער קבר
רעדט צו די פֿריש־אויפֿגעוואָרפֿענע בערגלאַך ערד,
אײַנגעבויגן, שטיל באַ דער ערד:
— שוין לאַנג, לאַנג
נאָך מײַן אָנקום אַהער,
מײַן ברוסט איז הויך געווען,
מײַנע אויגן האָבן קלאָר געקוקט אין דער וועלט,
מײַן שטערן איז נאָך טונקל ניט געווען,
די טיף־געקאַרבטע אותיות אַף דער מצבה
האָבן ווײַט געזען,
עמיצער איז פֿאַרבײַגעגאַן,
זיך אָפּגעשטעלט,
אַ וואָרט צו מיר גערעדט. —
נאָר איצט — די מצבה שוין געבויגן,
אײַנגעפֿאַלן מײַן גוף,
ס׳גראָז וואַקסט שוין גלײַך איבער מיר.

29

טויטע, קלײנע פֿישלאַך —
ליגן האָפֿנונגען
באַם ברעג פֿון דער צײַט.
אָפּגעגאַן ס׳וואַסער,
פֿלאַך ליגן זיך די וואַלן אַפֿן געלן זאַמד,
די לבנה קוקט געל און מיד איבער זיי.

30

ניט אַלע מײַנע טעג זילבערנע און גוטע, —
ווײַסע בעכערלאַך אָנגעפּילט מיט רויטן ווײַן
אױף רחבֿות׳דיק געשפּרייטע טישן.

ניט אַלע מײַנע טעג,
בלאָנדע קליינע קינדער,
שפּילן זיך אין כאַפּערלאַך
איבער ווייכן גראָז.

ניט אַלע מײַנע טעג, זינגענדיקע שוואַלבן,
פֿליען אָן צו מײַנע פֿענצטער,
ברענגענדיק מיר גוטסקייט
פֿון דער ווײַסער וועלט.

31

כ׳זיץ בײַם ברעג פֿון דײַן קלייד,
רו מײַן בליק איבער דיר,
בין געקומען פֿון מײַן חרובֿ׳ער שטוב
געפֿינען רו בײַ דיר.
ביזט אַזוי קליין און שטיל,
די זון איבער דיר,
וועסטו שטרעקן דײַן זילבערנע האַנט
און גלעטן מײַנע צעשויבערטע האָר.

32

זיץ מיט מיר,
זינג מיר דײַנע גוטע לידער
אויפֿגעגאַנגענע אין דיר,
ווי שטערן אין אַ טונקלער נאַכט.
כ׳וועל אײַנבייגן די קני אונטער זיך,
פֿאַרצינדן מײַן ליולקע,
שטיל זיך אײַנהערן
צו דער אויפֿגעקומענער ליכטיקייט
אין דײַן שפּעטן אָוונט,
און פֿאַרטראַכט ציילן די שטערן איבער דיר.

33

מיינע טריט פאַלן שטיל
איבער דיין ווייך געזעטיקט לייב.
די זון האָט געוואָרימט דיין האַרץ,
ליכט האָט דיר רייפונג געבראַכט.
די ערד האָט זיך געלייגט אונטער דיר
ווי אַ טונקלע צייטיקע פרוי,
און דו האָסט געשפּראָצט פון איר
יונג און גרין און צאַרט. —
גיי איך איצט איבער דיר
אין הויכן גראָז פון דיין פעלד,
און הער די שטילקייט אין דיר
און פאַרליר דעם וועג אונטער מיר.

34

אויב דאָס איז געווען דיין פאַרלאַנג, —
כ׳בין קראַנק און מיד און צעשטערט.
מיין זון איז שוין געל.
די ווענט געבויגן און קרום,
דער דאַך אַף אַ זייט,
דעם וועג אַף צוריק האָט די עלטער פאַרשפּאַרט,
מיין געהער שוין ניט אַזוי דין,
מיין אויג שוין ניט אַזוי שאַרף,
מיין טראָט ניט־זיכער און שווער,
די הענט — צוויי שווערע פאַרנעצטע שטריק.

35

מיט צוגעמאַכטע אויגן קוק איך ווייטער,
ווייטער פון די ברעגן פון מיין גוט. —
כ׳זיץ אין שטילן טורעם פון מיין אַליינקייט
און זע: ס׳קומען רונדע בלאָנדע מאָרגנס
— פולע ווענענער היי,
זוניק־העלע יונגען מיט אָפּגעדעקטע קעפּ
טרייבן אָן די ווייסע פערד פון רו. —
זיי וועלן קומען מיטברייטע גרינגע שפּאַן,
מיט אויפגעדעקטע, שטאַרקע העלזער,
און די זאַטקייט פון די שייערן
אויסשפּרייטן אַרום מיר.

36

ריים אוים אַ רויז
אין דיין צעבליטן גאָרטן,
און גיב זי מיר.
כ׳וועל זי איבערפלאַנצן
אין דער איינזאַמקייט אין מיר,
און זי וועט אויפבליִען
אַן איינציקע אין מיר.

37

ווען איך קום אַהיים באַנאַכט
און זע: די ליכטיקייט
וואַרט ניט אַף מיר.
קוק איך אַף מיין פאַרזאָרגטער שטוב,
גיי דריי מאָל אַרום איר,
און אַ פאַרטרויערטער שאָקלט זיך מיין קאָפּ.

38

מיין דור גייט בלינד איבער דער וועלט.
אין שטומקייטן געוויקלט זיין צעוואונדיקט לייב.
טראָגט די פיינלאַכקייט פון אונזערע יאָר
אין זיך.
זאָגט קיינעם ניט. —
פאַרהילט אין זיין בלינדקייט,
אין זיין שטומקייט,
אין זיין פיינלאַכקייט.

39

וועלט. כ׳בין אָפן פאַר דיר.
גיי דורך מיין שטוב,
פיל אוים די עלנטקייט אין מיר.
לייג דיין זאָרג אַף מיין טיש, —
דערנענטער זיך,
דערצייל דיין פיין,
פאַרבלייב אַ נאַכט מיט מיר,
גיי אַרוים פון מיר,
שריי אין טויבן אויער פון דער שטאָט
פון דיין דערנענטערונג צו מיר.

40

מיין שעה —
אַ קלײנע װײַסע װאָל,
שפּרײַט שטיל
איר װײכן גוף
איבערן װײס־זאַמדיקן ברעג
פֿון מײַן טאָג,
— און שטאַרבט.
גײט אויף צו מיר
איר גוטער לעצטער אָטעם,
גלעט מײַן הויט,
זעגנט זיך מיט מיר, —
קײנמאָל ניט צוריקצוקומען;
קײנמאָל ניט צו זען מיך;
קײנמאָל ניט צו שטאַרבן,
נאָכאַמאָל.

41

פֿון אַלע מײַנע פּײַנען
האָב איך אויסגעװײלט זיך אַלײן.
— שטילסטער, טיפֿסטער װײ,
כ'גײ איבער דער רו
פֿון מײַנע יונגע פֿרימאָרגנס,
איבערן גאָלדענעם פֿעלד
פֿון מײַנע בלאָנדע יאָר —
אַ צוגעדעקטע ניט־פֿאַרהײלטע װאונד.

42

אַלטע שטיבער — אַלטע פּי
ליגן שטיל בײַ דער ערד,
מיט אײנגעבױגענע קעפּ
און מידע קני.
— גײען אין ערגעץ ניט אום;
װען איך קום צו זײ,
קוקט די טעמפּע רואיקײט
פֿון זײערע פּנים'ער
איבער מיר,
איבער מײַנע צעשראָקענע יונגע יאָר.

43

כ׳וועל פֿאַרמאַכן די אויגן
און ניט זען די שווערד
וואָס הייננט איבער מיין וואָרימען האַלז.
כ׳קום צו דיר —
מיט אַ צעעפֿנטער ברוסט,
בינד מיינע הענט, מיינע פֿיס,
שטרעק מיין לייב —
כ׳בין גרייט.

44

טונקלע גראָע שלייערן באַ זיינע טריט,
ער גייט הינטער מיר
קלייבנדיק די צעשיטע שפּריינקעלאַך זון
איבער מיין וועג.
ער ווייס ניט וואו צו גיין,
ער ווייס ניט וואָס צו טאָן,
אַ ליידיקער זאַק אין זיינע דאַרע הענט.
ער גייט מיר נאָך
מיט זיין מאַטן בליק,
זיין הונגעריקייט, —
און דערפֿרייט זיך
ווען ס׳פֿאַלט אַ קערנדל
פֿון מיין פֿולן וואָגן ווייץ.

45

ביזט צוריק פֿון שלאַכט.
דיין ווייב האָט דיך ליבער נאָך באַקומען,
זי איז שיין און חנ׳עוודיק און ווייס,
דיין שטוב איז שטיל,
רו פֿילט אוים די ווינקלען,
ס׳בעט איז צוגעשפּרייט און ווייך;
דורך די דינע פֿאָרהאַנגען
זייעט גאָלד די זון,
און אַף דער דערנענטערונג פֿון אייערע הייסע לייבער
וואַרט די נאַכט באַם פֿענסטער.

46

צווישן אונז גייט די וועלט
ווי אַן אַלטע פרוי בעטנדיק נדבות.
דער מאַן לאַנג שוין טויט;
די קינדער האָבן איר פאַרלאָזן;
איר היים איז אומעטיק און קאַלט;
איר קאָפ — אָפּגעקילטער ווייסער אַש.
גייט זי אום און בעט פון אונז נדבות
צו דערוואַרימען איר ווּיסט און קאַלטע היים.

47

כ׳קום צו דיר —
אין דיין וואַכקייט,
אין דיין שטילקייט,
אין דיין לויטערקייט,
ווען דו וואַרטסט אויף מיר.

48

אַזוי שיין, וואונדערלאַך שיין ביזטו געווען
ווען כ׳האָב צום ערשטן מאָל
געזען דיין ליכטיק פּנים;
ביזט קליין געווען,
דיינע אויגן-לעמלאַך, מיט שוואַרצגעפלעקטע שטערנס,
האָבן מילד געקוקט אַף מיר,
און שטיל גערוט באַ מיינע פיס.

49

ווייסע ווערטער,
קליינע ווערטער,
איבער דיין ליכט
פון אויסגעשטריקטן זילבער
שווימען אום ווי ווייסע פייגל.

50

כ׳האָב געזען דעם ווינט
וואָס טרייבט דעם ווייסן זעגל
פון דיין אָנקום.
כ׳הער דעם רויש
פון דיין דערנענטערונג
צו מיר.

51

כ׳האָב אויסגעצויגן מיין האַנט צו דער גרינקייט
וואָס איז אויפגעגאַן איבער דיין קאָפּ,
אַ ניי זומערדיק היטל
מיט ווייכער האַריקייט פון העל-גרינעם וואָל,
אָפּן באַרג פון דיין אויפגעקומענעם זומער.
ווינקט צו מיר מיט פרייד —
אָנקומענדיקע ליכטיקייט אַף דיין ערד.

52

אַ זונעלע דיין העל און ליכטיק וואָרט,
אַ קליין ווים הינטעלע קומט צו
און מיט זיין ווייסקייט
ווישט דעם שטויב פון מיינע שיך,
לייגט זיך שטיל באַ מיינע פיס,
און באַרואיקט מיך.

53

ווי אַ גאָט ביזטו געזעסן אין דער ווייסער שטול פון דיין לויטערקייט,
שווייגנדיק פאַרנומען די שטילע ווערטער,
די שטילע וואַרימקייט
פון מיין אויפגעקומענעם געבעט.
ווייסע זילבערדיקע ליכט
מיט שעפּטשענדיקע גאָלדענע פלעמלאַך
באַ דיינע קני. —
ווי אַ גאָט ביזטו געזעסן צווישן מיינע שווערע טעג.

54

שבת גייט יום-טוב׳דיק באַ די ברעגן פון וואָך
— אַ ווייסע בעריאָזע הינטערן וואַלד.
הימל-העל. די טונקלע בוימער —באַ דער זייט.
דער שטילער פרייטיק שטייט נאָענט
מיט אַראָפּגעלאָזטע קליינע הענט;
מאַט און שטום,
ווי אַן אָפּגענאַרטע כלה
(— פאַרגליווערטע ווייסע ליכט.)
און קוקט נאָך די ווייסע טריט פון שבת.

55

באַ די זייטן פֿון מיין וועג,
איבער בערג, טאָלן,
גייט אויף די גאָלדנדיקעביינקשאַפֿט
פֿון מיין זומער .
טעג — יונגע פֿערד מיט העלע גריוועס,
האָב איך צעלאָזן אין די פֿעלדער
און כ׳קאָן זיי ניט געפֿינען,
נישט געפֿינען.
כ׳וועל אַרויפֿקריכן אויפֿן העכסטן באַרג
אין שטילן נאָכמיטאָג,
און באַם זונפֿאַרגאַנג
קוקן אין ווייטן פֿעלד,
אין ווייטן פֿעלד באַ מיינע טריט, —
און זוכן די צעלאָפֿענע, פֿאַרלוירענע מיינע פֿערד
מיט העלע גריוועס.

56

אַזאַ געלקייט איבער דיר.
האַרבסט ליכטיקט דיין הויט.
שטיי אין דיין פֿאַרעלטערטקייט.
בויג שטיל דיין מידן קאָפּ
איבערן טאָל לעבן דיר, —
צייל די געלע בלעטער
אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דיר.

57

דיינע שולדיקייטן איינגעקאַרבט אין מיר —
פֿאַרווישט, פֿאַרגעבן.
וועסט מער נישט קומען אין מיין ווייסער שטוב
און וואַרפֿן געלע פֿלעקן
(טרויער !)
איבער מיר.

58

אין מיינע שווייגנדיקע שעה'ן;
אין דער פיינלאַכקייט פון מיינע טעג,
גיי איך אום
מיט שטילקייט געבונדן מיינע ליפּן,
גיי איך וואו קיינער
וועט מיך ניט דערזען.

59

ערד, ליבע ערד,
דעק אויף דיין גרין קלייד,
לאָמיך שמעקן די פּראָסטקייט. —
דיין לייב.

ערד, ליבע ערד,
נעם צונויף דיינע גלידער,
דיינע בערג, דיינע טאָלן
און וויקל אַרום דעם גלוסט פון מיין לייב.

ערד, ליבע ערד,
עפן די טיר פון דיין זומער,
רוף!
אין דיין וואַרימקייט,
אין דיר,
און איך וועל אַרויסבליען פון דיר,
ווי די גרינקייט איבער דיר.

60

נאַכט, עפן אויף דיין טונקל מויל,
וועל איך אַריינגיין
און נישט ווערן.
די ליכטיקייט אינדרויסן
וועט וואַכן ווי אַ ווייס-באָרדיקער שומר
איבער מיינע לעצטע ניט-פאַרווישטע טריט.

61

לעבן, —
וויפל ווייסע ברויטן
טראָגסטו מיר אַקעגן
צייטיקן מיין גלויבן
אין דיר.

לעבן, —
וויפל טעג — ווייסע שוואַנען
וועסטו שעכטן
און זייערע טויטע העלזער
היינגען איבער מיינע אַקסל.

לעבן, —
וויפל נעכט — טאָלן
וועסטו שפרייטן איבער מיינע וועגן,
און איך וועל גיין און פאַלן
איבער די טונקלע שעה;
איבער דיינע פרעמדקייטן צו מיר;

און וויפל ווייסע ברויטן
טראָגסטו מיר אַקעגן?

62

נאַכט.
באַם טונקלען טייך,
ווי אַן אַלט, ווייס באָבעלע,
קוקט די קליינע לבנה
איבער די בערג.

63

איינגעוויקלט אין בלאָען שאַל פון איר אַלטקייט,
דערציילט זי בלאָע, פאַר'חלומ'טע מעשות:
פון פאַרגאַנגענע ווייטע יאָר,
פון געוועזענער יונגשאַפט און פרייד,
פון פאַרלוירענע בלאָנדע האָר
וואָס פלעגן היינגען איבער איר קאָפּ.

64

צעעפן דיין הארץ,
ווי אַ מאַראַנץ אין רייפן זומער.
זאָל טריפן טראָפּעלאַך זוניקייט;
טראָפּעלאַך זאַפט,
ווי אַ רעגן אין אַ זומערטאָג.

65

אין אָט־דער הייליקער נאַכט,
אונזער הייליקע נאַכט,
וויש אָפּ די שולדיקייט פון דיינע ברעמען,
טו אָן אַ ווייס קלייד
און ליכטיק אויף
ווי אַ ווייס ליכט אין יום־כּפור.

66

ציסט אָפּ דיין קלייד, —
און דיינע בריסט,
ווי אויפגעגרינטע פרילינגדיקע בערגלאַך,
ציען מיך צו זיך
רוען מיין מידע ליידנשאַפט אויף זיי.

67

ווען דו וועסט זילבערן די ווענט פון דיין נשמה
מיטן אָוונטיקן ליכט פון מיין געמיט,
וועט אַ גאָלדן שיפעלע אויפשווימען איבער דיר
שפּרייטנדיק מיין שטילע גוטסקייט;
מיינע ווייסע נעכט,
— צויבערדיקע בלאָקייט איבער זיי.

68

כ'גיי אָוועק,
נעם דיך מיט,
טו דיך אָן אָף מיינע ברעמען,
— ליכט,
דו וועסט אויפהעלן די טונקלקייט אין מיר.

69

פרעמדער —
כ׳בין אָפֿן פֿאַר דיר ווי גאָטס שטילע שטוב.
אַ שטילער מיין טאָג מיט אַן אָפֿענער טיר.
קום אַריין, זעץ זיך צו און דערציייל:
פֿון דיין נאָענטקייט צו גאָט,
פֿון דיין נאָענטקייט צו מיר,
— נישטאָ די פֿרעמדקייט באַ מיר.

70

ווען דו וועסט קומען צו מיר,
ברענג מיט זיך
דעם העלסטן פֿון דיינע בלאָנדע מאָרגנס.
דעם לויטערן בליק פֿון דיין טוי,
דעם לייכטן ווינט פֿון דיין אָטעם.
מיר וועלן פֿאַרברענגען שטיל אַזוי
באַ מיין טיש, באַ מיין ווייַן,
אין דער פּראָסטקייט פֿון מיין שטוב.

71

טעג וועלן זיין מיט זוניקע לאָקן,
מיט ליכטיקע פּנימער,
ווי געבראַכטע סנאָפּעס פֿון פֿעלד.
מיר וועלן זיך אויסטאָן באָרוועס און הויל
און ווי צוויי פֿאַרבליבענע שטראַלן זון
אַקעגן גיין דער קומענדיקער נאַכט.

72

געדיינק די טעג פֿון דיין רו,
דיין שטיל-שטילע שעה.
די קליינע און ווייסע דיין שטוב
אין דיין ווייטן, דערוווייטערטן לאַנד.

73

אָפּגעטרוקנט געל גראָז
איבער דיר, —
קליינע וואַקסענע ליכט
באַ דער שוועל פֿון דיין טויט.

74

פאַרלאָז דאָס ווייב,
פאַרלאָז דיין שטילע שטוב
און צי איבער דער וועלט
מיט דיין אָפענער וואונד
ווי אַ וואַגאַבונד.
לעש אוים די קליינע צאַנקנדיקע ליכט,
די ווייסע רו פון דיינע זומערטעג,
און שפּאַן אַוועק אין דער וועלט
ווי אַ מענטש וואָס האָט נאָך ניט אויסגעלעבט די יאָר.

75

מיר גייען שטיל. אַ ניט-געציילטע טשאַטע שאָף איבער
אנגרענעצדיקער ווייטקייט פונם פעלד. זאַנגען — יונגע
רייפע טעג לויפן פאָרויס אָנזאָגן די בשורה: מיר קומען אָן.
די זון איבער די רוקנס — אַן אַלטער פּאַסטוך מיט אַ
ווייסער באָרד טראָגט די געפאַלענע און מידע אַף די אַקסל
און קיינעם גייט ניט אָן ווי לאַנג ס׳איז דער וועג.

76

אַ קילער ווינט האָט זיך געוויקלט אַרום דיר
און ס׳איז אויפגעגאַן אַ פרעסטל איבער דיין קאָפּ.
האָסט פאַרמאַכט דיינע ברעמען
און איך בין געגאַן איבער דיר,
און געביינקט נאָך דער פאַרשוואונדנדיקער
וואַרימקייט פון דיין לייב.

77

די בריק פון איינזאַמקייט צווישן אונז,
איבער די ברעגן פון אונזער פריינטשאַפט.
כ׳שטיי און קוק צו דיר
אין מיין שטומקייט,
אין מיין אַליינקייט.
דו קוקסט צו מיר
און מיר גייען קיינמאָל
איינער צום צווייטן אין אונזער נאָענטקייט.

78

שטיל אין די ווייסע ווענט פון מיין שטוב.
ווייסע טויבן אפן לאָן פון מיינע טעג.
אַ רונד ווייס זעמל אַף מיין טיש, —
מיין ווייסע פרייד.

79

פון צווישן טונקלע בוימער
אַ שווייגנדע בעריאָזע
וואַרפט אַ גרוס
אין מיין אָפענער טיר,
אין דער ווייטקייט
צווישן טונקלע טעג
ליכטיקט אויף
אַ ווייסע זון.

80

אין דער פוילנדיקער קופּע בלעטער
וואָס דער ווינט פון האַרבסט
האָט אָנגעקליבן פאַר דיר,
ביזטו געפאַלן פון מיין צעצוויגטן חלום,
מיין שטילע אויפריכטיקייט צו דיר.
כ׳גיי איצט אום אַף דיין אָסיענדיקער ערד
מיט שטילע, מידע שפּאַן און זע די לעצטע גרינע טריט
פון דיין פאַרגייענדיקן זומער אין מיר.

81

גאָט האָט מיר דעם טויט געבראַכט אין אַ טונקלער נאַכט
און שטיל אים אויסגעשפּרייט איבער מיין שוועל.
וועל איך עפענען מיין טיר און קוקן שטיל אין אים,
בלינד שטעלן מיינע טריט און פאַלן איבער אים.
וועט גאָט שטרעקן זיין האַנט און אויפהייבן מיך,
און איך און מיין טויט און די נאַכט
וועלן אַריבערגיין די שוועל פון מיין טיר.

82

די קליינע פישער־שיפלאַך שיפּן אָפּ פון ברעג,
די ווייסע זעגלען שניידן שטאָלץ דורכן ווינט,
די פישער, מיט קלאָרע אויסגערוטע פּנים׳ער,
שמייכלען זיגעריש.

פאַרטראַכט און געל ליגט נידעריק דער ברעג,
שמאָל און מאַט;
די שיפלאַך וועלן קומען ווען צוריק;
די שיפער וועלן קומען ווען צוריק?

וועט עמיצער זיך שטעלן אַפן שפּיץ פון באַרג
און קוקן ווייט, ווייט;
מיט אַ דינער ווייסער האַנט אָנזאָגן די פרייד:
זיי קומען שוין, זיי קומען שוין צוריק.

83

אַף מיין זומערדיק פעלד
קלייבן טויבן
קערנדלאַך צעווייטן ווייץ.

84

פרימאָרגן — אויפגעשפּראָצטע ליכטיקייט אין מיר.
דיין ווייס־זילבערנעם בליק
האָב איך באַהאַלטן אין מיין בוזים,
און וועל אומגיין איבער דער וועלט
מיט דיין לויטערקייט אין מיר.

85

אין מיין שטוב איז ברויט שוין נישטאָ.
די בלאַסקייט פון ניט אויסגערייפטע זאַנגען
הייגנט איבער די ווענט.
כ׳בין געקומען פון פעלד אָן אַ ליד אַף מיין ליפּ,
מיט ליידיקע הענט,
מיט אַ טעמפּן געפאַלענעם בליק.
ווי ס׳בלייכע פּנים פון אַ הונגעריקן
קוקט דער טאָג שטום אין מיין שטוב
דורך די גראָע פאַרהאַנגען איבער די פענסטער.

86

קומענדיק צו דיר
האָט די פרעמדקייט מיך אָנגענומען בא די אויערן
און אַרויסגעפירט צוריק.
ביזט פאַרגאַנגען זיך אין שטילקייט,
ס׳גאָלד פון רו האָט געהאַנגען איבער דיר. —
נאָר דו ביזט פרעמד געווען צו מיר.
כ׳בין שטיל אַריינגעקומען אין דיין שטוב
מיט ווייכע קליינע טריט,
כ׳האָב געצויגן דיר מיין האַנט;
דיר געוויזן מיין אויפריכטיק אויג,
נאָר דו ביזט שטום געבליבן
און דיינע קינדער האָבן שטום געקוקט אַף מיר.

87

אין דיין פיין ביזטו מיר נאָענט.
די איינזאַמקייט פון אַ גרויסער ליידיקער שטוב איבער דיר,
בעטסט קיינעם זיין מיט דיר, —
בין איך מיט דיר.
כ׳גיי אום אין דיינע ווענט
— זע די הרובקייט אין דיר;
פאַרקלייב זיך אין טיפסטן ווינקל
און צי דיין מאַטקייט איבער מיר.
קום צו צו מיר,
נעם אָן מיין האַנט
און פיר מיך ווייטער אין די טונקלע ווענט אין דיר.

88

ווייס פערד — מיין טאָג, —
כ׳וועל כאַפן דעם צוים
פון דיינע לויפנדיקע טריט,
פון דיין אײַלן זיך.
און ווי אַ אויסגעפּרופּטער רייטער
אַנטלויפן אין ווייטן פעלד,
אין ווייטן פעלד לעבן מיר.

89

מיר זיינען ביידע אין אַ קליין ווייס שטיבעלע געווען,
וואַסער געטראָגן; האָלץ פון וואַלד געבראַכט.
ס׳פייער האָט שטיל געברענט מיט טיפע לאַנגע אָטעמס,
ווי רו אין העלע טעג.
ביידע אינדערפרי אין פעלד געגאַן,
פון פעלד צוריק.
ווייט-ווייט פון אונז דער אַלטער פאַרוואָרפענער ישוב;
די איינגעקרומטע שטיבער;
די טרוקענע לופט.

90

פון דיין פולן קריגל
טרינק איך, —
שטיל מיין דורשט.
וועל איך קומען יעדן טאָג
זופן דיין פרישקייט,
זעטיקן מיין גלוסט.

91

מיינע טעג האָב איך צוריקגעפירט פון שלאַכטפעלד
מיט געפאַלענע און מידע הענט.
נאָכגעלאָזטע שטילע קעפּ
ווי באַ געשלאָגן חייל.
— די מעסערשפּיצן שוואַרץ פון אָפּגעטרוקנט בלוט,
מאַנטלען — מידע פליגל איבער די פּלייצעס,
און היטלען ווי צעקנייטשטע האָפנונגען אַף די אָנגעבויגענע רוקנס.

92

דיינע קאַלטע, פאַרפרוירענע טעג
איבער דיין פאַרווייעט ווינטערדיק לעבן
קייקלען זיך אום,
ווי ווייסע קנוילן שניי
אַף אַ ווייטן ווינטערדיקן שליאַך.

93

קליין גראָז,
גרין גראָז,
שפּרייט זיך ווייך אונטער מיר,
ווי דער ווינט
ווען די זון גייט נאָר אויף.

94

אינדערפרי. —
ווייסער טייך,
שטילער טייך,
כ׳קום שעפּן דיין לויטערקייט
ווי די שאָף וואָס קומט טרינקען פון דיר
ווען די זון גייט נאָר אויף.

95

רונדע מיינע טעג, —
אויפגעגאַנגענע ברויטן אין פולער זאַטקייט,
זונען קייקלען זיך אום אין מיין שטוב.
כ׳וויקל זיך אין רו;
מיינע הענט, ווי אויסגעכאָוועטע ווייסע גענז,
פאַרלייגן די לאַנגע ווייכע העלזער
אונטער די פליגל און שלאָפן איין.

96

כ׳זע: אַ קו זויגט איר קאַלב.
און מיט גרויסע פאַרוואונדערטע אויגן
קוקט אַף מיר;
אַ מיידל טראָגט אַ קריגל וואַסער פון נאָענטן קוואַל;
אַ טויב באַטראַכט רואיק די לאָנען;
בלומען אין גאָרטן
ציען זיך צו מיר
מיט ווייסע בעכערלאַך ווייַן.

97

נאָך שניט גייט דער פויער אין פעלד, —
באַהאַלט די פאַרבליבענע זאַנגען
אין זאַק אַף דער פּלייצע.
ער שפּאַנט מיט רו.
זיין טראַט איז וואַגיק און קלאָר;
אין זיין בוזים מיט די אויסגעשפּרייטע פליגל פון אַ טויב
רוט די זון פון קומענדיקער שפּראָצונג.

98

רונדע בריסט, ווי ווייסע בערג.
כ׳נעענטער זיך צו אייך
מיט מיין ווייסן אָטעם;
מיט מיינע האָפנונגען.
נאָר ווען כ׳רו איבער אייך, זע איך אויס
ווי אַ שוואַרצע קראָ אַף אַ ווייסן באַרג.

99

שוואַרצע שורות — מיינע לידער;
פאַרטרוקנטע טראָפּן בלוט
ליגן אַפן שלאַכטפעלד פון מיין וועג —
דערמאָנען דעם פאַרגאַנגענעם ווייִ
פון מיינע געשאָכטענע טעג.

100

זומער, גרין די וועלט.
אַ קעלבל אַף דער לאָנקע פּאַשעט ווייך ס׳גראָז;
אַ יונגע, בלאָנדע פויערטע גייט פון טייכל,
אירע ווייסע פיס, ווי האַלבע זונען,
טרעטן באָרוויס אַף דער ערד;
הענער פאָרפלען אין פריש־געשניטן זומערדיקן היי.

101

צופיסנס פון מיין טאָג
ליגט אַ געלע זון, —
אַן אָפּגעוועלקטער בלאַט
ביינקט שטיל
נאָך די לעצטע טעג פון האַרבסט.

102

מיידל, האַלט איין דיין קלייד
ווען דו גייסט איבערן ווינט
אַקעגן מיר.
ווען ניט, וועט דיין אַפּגעדעקטער דיך
מיך פאַרנאַרן צו זיך,
און איך, אַ ווילדער,
וועל אַ שפּרונג טאָן איבער דיר,
ווי איבער אַ זומערדיק בערגל.

103

האָב אַפּגעוואַלגערט מיינע טעג
אין דיין מיסטיקער וועלט,
צווישן ברוכוואַרג פון דיין לעבן;
אַף דיין בלאָטיקער ערד.
ליג איך איצט אונטער די פיס
פון די בייזע דורכגייער,
קלייב זיך אָן אין די זוילן
פון זייערע פאַרשטויבטע שיך,
און ס'פאַלן זייערע קללות
ווי שפּיציקע שטיינער איבער מיר.

104

גייט אונטער מיין נאַכט, בלינד און פאַר'צער'ט,
מיד, די שלאָפלאָזיקייט ווי אַ שווערד
הייגנט איבערן קאָפּ פון מיין רו.
כ'נעם די צעהאַנגענע שטערן ווי פאַקלען
אין מיינע ווייסע געפּייניקטע הענט,
גיי איבער דער פינצטערער וועלט
און זוך אַ גרוב פאַר מיין צער.

105

מיין חרוב'ע היים;
מיין קויטיקע ווייב;
מיין ברודיקע קאַץ;
די קראַנקע און שטויביקע וועלט
אונטערגעגאַן פון אונטער מיין זון.
איצט אין פעלד פון דיין רייפער יונגשאַפט,
צווישן פריש-געשניטן זומערדיקן היי,
גיי איך אום אַ נאַקעטער.

106

אין ליכט פון דיין וועג,
אין מיין פינצטערן טאָג,
אין זילבערן קלייד —
דיין קלייד פון אמאָל.
בין מאַט און פאַרטונקלט
ווי די נאַכט אַרום מיר,
געגאַן און געגאַן
און נישט דערגאַנגען צו דיר.

107

ווי אַן אַלטער, אַלטער שוסטער
זיצט דאָס לעבן
אויף אַ דריי־פוסיק בײנקעלע,
מיט אַן איבערגעבויגענער פּלייצע
און קלאַפּט פלעקלאַך אין מיינע נייע שיך.
און איך וועל גיין און גיין
טראָגנדיק די שיך
ביז צו דער טיר פון מיין טויט.

108

איבערן דאַך פון מיין שטוב
ליגט אַ יונגער שניי. —
ערשטער ווינטערטאָג!
ס'וועלן קומען טעג מיט ווייסן זילבער אויף די קעפּ,
מיט ברעמען ווי ווייס־בלענדיקער זייד,
זיך דרייען אין אַ רינג אַרום מיין שטוב
און איבערלאָזן לויטערקייט אונטער די טריט.

109

דיין אָונט־ברויט קומט מיד צו דיר אין מויל,
שפּעט, פאַרווײנט.
אַ פאַרבלאָנדזשעטער געגאַנגען איבער וועגן
מיט בענקנדער דערוואַרטונג;
גרייטע אָפענע ליפּן צו דיר.
ביזט אַנקעגן ניט געקומען; דיין וואָרט ניט געהיט.
נאָר די שטילע וואַנט, די טיר
מיט טונקלע אָפענע ברעמען וואַרט פאַר דיר.

110

העלע ברייטע מאָרגנס מיט שיינענדיקע בליקן,
ווי קינדער פון ווייסע פרויען,
מיט הויכע שטערנס,
וועלן אומגיין איבער מיין שטוב.
כ׳וועל זיצן אין מיין וויג־שטול
מיט אַ בוך אין האַנט,
און זיי ציילן און איבערציילן.
— טעג באַ די פענצטער
וועלן אויפהייגען די ווייסע קליידער
איבער דער לבנה,
און הוילע אַוועק אין דער ווייטקייט
פון פאַרגאַנגענע ווייסע יאָר.

111

הייגט די בייזקייט איבער אונז
מיט אַן אָפן שאַרף מויל,
נאַכט אַף אירע ליפּן.
— אונזער שטוב פאַר׳חלום׳ט און שטיל,
דער קוימען ווי אַ האַלז אויסגעשטרעקט, גרייט.
און מיר שטייען שוין פרעמדע,
שטום פאַרקוקט אין דער ווייט.
און מיר ווייסן ניט ווען סט׳קומען די שעה
און מיר וועלן שפּאַנען איבער דער בייזקייט,
ווי איבער אַ בלענדיקער שווערד.

112

כ׳האָב דיך אויפגענומען אין מיין שטוב
מיט דער ברייטקייט פון אַ מכנים־אורח;
געווישט דעם שטויב פון דיינע פיס;
דיך אָנגעזעטיקט מיטן העלן ברויט פון מיין פרייד,
און דיין ליידיקע טאָרבע אָנגעפילט
מיט מיינע רונדע טעג. איצט וועסטו זיין באַ מיר
און יעדן אינדערפרי וועל איך דיר אַקעגנטראָגן
אַ טעלער זון פון מיין רייף־געוואָרן פעלד.

113

טונקל־גראָ און הארט ס׳אָפּגעקילטע לייב פון דער אַלטער ווייב.
וויגט זיך ווייטאָגדיק און שווער — אַ דאַרע ברעט
איבערן מוטנעם טייכל פון אונזערע באַגערן.
גיי איך איבער איר. טראַכט פון יענער גוטער יונגער פרוי
און פאַל אַריין אין אַ נעפּלדיקער נאַכט,
וואָס שפּרייט שאַרף איר קילע נאַסקייט איבער מיר.

114

ווען די אַלטקייט, ווי אַ גראָער בעטלער,
בעט ברויט,
אַ קליינע גאָלדענע מטבע,
אַ שטראַל ליכט —
שפּרייט איך אויס די מאָרגנדיקע שיין פון מיינע טעג,
טראָג צו אַ לאָגל קאַלטן וויין;
אַ בינטל אויפגעשפּראָצטע טרוימען
און קני בײַ אירע טריט.

115

דו וועסט קומען מיט אַ מעסטל זון איבער דיין קאָפּ,
ווי אַ יונגע גריכין.
שטראַלן וועלן פאַלן דיינע האָר איבער די אַקסל,
(הויל ווי בײַ אַ פאַרצייטיקער געטין.)
און זיך ניט שעמען צוקומען צו מיר.
דו וועסט נעמען מיין האַנט און מיך פירן
איבער דיינע שיינקייטן;
איבער דיין זוניקייט ווי אין אַ חלום.

116

דיין ערד אויפגעבליט מיט קאָרן.
דער ווינט טראָגט פון איר בוזים
וואַרימקייט און זעט.
דער טאָג האָט זוניקייט געזייט
אין דיינע אויגן, —
נאָר דו ביזט פאַרבליבן
ליידיק, הונגעריק און בלינד.

117

ווען דו וואָלסט נאָך צוקומען צו מיר,
אויסשטרעקן דיין קליינע ווייסע האַנט,
און אין העלן אויפגעשיינטן טאָג
גוט־מאָרגן מיר זאָגן. —
וואָלט איך אפשר אַ קוק געטאָן צוריק
צווישן אַש און אָפּגעברענטן האָלץ,
אין דער אויסגעברענטער חורבה פון אונזער ווייסטן לעבן
אָפּזוכן אַ קליינע ניט־דערקוילטע זאַך, —
אַ זייטל פון אַ ביינקל; אַ פּיסל פון אַ טיש;
אַ שטיקל ווייסן לײַלאַך פון אונזער שטיל געלעגער, —
דאָס לייגן באַ מיינע טריט.
און ווען דו וועסט זיך דערנעענטערן,
אַריבערשפּאַנען צו דיר
איבערן לעצטן צייכן פון דיין זינד.

118

אַלע וועגן פירן צו דיר;
אַלע ווינטן קלייבן זיך באַ דיין טיר.
גייסט אַרום צו זיי,
ווייזט זיי דיינע ווייסע הענט
און זיי צעגייען זיך;
און זיי צעפליען זיך
ווי טויבן
שפּרייטנדיק דיין גוטסקייט
איבער דער וועלט.

119

צו דיר, מיין אַלטער ברודער, אַט די ווערטער:
זיץ אין דער ברייטער שטוב פון דיינע גרויסע מאָנאָטאָנע יאָר;
קלייד זיך אָן אין דער גראָער טונקלקייט אַרום דיר,
אין דער מוטנעקייט פון דיינע טעג שווייג און שווייג.
כ׳וועל מיין ווייסן שטעקן — זילבערדיקייט פון מיין טאָג —
דערלאַנגען אין דיינע לאַנגע דאַרע הענט; —
גיי אום און זוך אַ טראָפּן ליכט,
אַ שפּאַרע זון,
בויג דיין קערפּער שטיל און דיין
און טרעף מיך ניט אָן אין דיין שטוב.

120

אונטערן גאָלדענעם דאַך פֿון דיין זון
שטייט מיין שטיבעלע,
אָרים און קליין.
כ׳גיי אַרויס,
זעץ זיך בײַ דער שוועל,
קוק דיך אָן,
ווער ניט מיד קוקנדיק אױף דיר.

121

הויב מיך אויף,
ווי אַ ווייס רונד ברויט,
פֿון מיין טונקלקייט,
פֿון מיין אַליינקייט,
און לייג מיך שטיל אַוועק
אױפֿן ווייסגעגרייטן טיש
פֿון דיין ברייטער שטוב,
און זעטיק דיך
מיט מיין רייף-געוואָרן לייב.

122

די שיף דערווייטערט זיך —
מיר בלייבן דאָ אַליין,
ווי פֿאַרטרויערט וואָלטן מיר געווען
ווען זי קומט שוין קיינמאָל ניט צוריק.

123

אַ איד מיט אַ ווייסער באָרד
ווי אַ הייליקער,
— ווייסער ווינטער
גייט איבער גאַסן,
טיילט שניי —
זילבער-פֿאָדים.
ווייסע אַלטקייט,
— טעג אַזוינע
ווערן אוים אַ ווייסן טעפּיך פֿון יאָר.

124

פון זוניקע פּאַדים האָב איך מיר אַ טאָרבע געניט
און פאַרפּאַקט דאָרט מײַן רו. —
וועל איך שוין איצט גיין איבער דער שטאָט
און צעטיילן מײַן רו איבער פרעמדע שוועלן;
איבער פרעמדע טעג.

125

אַלע מײַנע רענדלאַך;
אַלע מײַנע גאָלדנקייטן,
האָב איך אויסגעביטן אַף געלן מינץ. —
גיי איך איצט איבער שטיבער,
צווישן אָרימקייטן
און צעטייל די קליינע שטיקלאַך קופּער,
ווי אָפּגעוועלקטע האָפענונגען,
— קליינע איינגעדאַרטע בלעטלאַך פון מײַן נאָכזומערדיקייט.

126

דערצייל מיר וואָס שעללי האָט דערציילט
אין טיפעניש פון ים,
ווען די טונקלקייט האָט פאַרדעקט זײַן זון.
דערצייל מיר וואָס יעסענין האָט געטראַכט,
יעסענין דער פּאָעט,
ווען אין טריפנדיקן בלוט פון זײַנע לידער
האָט דערטרונקען זײַן ניט־דערזונגען ליד.
דערצייל מיר וואָס ראובן לודוויג האָט געפרעגט,
מײַן ברודער לודוויג,
ווען פון זײַנע אויגן איז פאַרגאַן
די הייסע תאווה צו דער ערד.

127

בערג ווי מידע אָקסן רוען שטיל,
אַף די רוקנס שפּאַנט די זון מיט הוילע טריט.
ווי אַ פּאַסטוך וואַכט דער וואַלד
— זײַן טשאַטע היט.

128

דיין דאַרע ערד.
דער איבערגעבערענטער ווייץ באַ די זייטן וועג,
ווי אַסיענדיקע ריטלאַך — טונקל און פאַרטרוקנט.
דיינע טעג וועלן אויפשיינען אינדערפרי
מיט גראָע בעלמעס אַף די אויגן,
פאַרשעמטע מאַטע ברעמען,
זיך טוליען צו די ווייסע ווענט פון פרעמדער רייפקייט,
ווי אַלטע מוידן צווישן יונגע כלות.

129

די מאַטע ליכט פון דיין נשמה,
ווי אַ יונגע לבנה צווישן טונקלע וואָלקן, —
ברייננג ניט אין מיין שטוב.
אין מיינע פענצטער וועט די ליכטיקייט זיך לעשן;
פאַרגיין אין שטילסטן ווינקל און אַ ברעם ניט הויבן.
ווערסט פאַרבייגיין לעבן מיר,
די ערד וועט טונקלען,
נאַכט וועט שפּאַרן אין די ווענט.
כ׳וועל גיין שלאָפן און אַ וואָרט ניט אויסהערן פון דיר.

130

נאַכט ליגט איבער דיין קאָפּ
ווי אַש פון אָפּגעברענטן שייטער.
שטרוי דיינע שעה
וואָס דער טאָג האָט געצונדן,
האָבן די ליידיקע צעשויבערטע קעפּ
שטיל געצויגן צו דער ערד,
ווי געבונדענע שאָף.

131

ווי ווען אַ קלייטניק צעעפנט זיינע טירן;
שטעל אויס די סחורה, שטעל אָן די וואָג
און וואַרט.
זיי וועלן קומען מיט ליידיקע דורשטיקע עמער,
אויסגעקילטע וואַרימקייט אונטער די ברעמען,
אויסגעלאָשענע האָפנונגען,
און קויפן די זאַטקייט פון דיין לייב —
היינג אויף אַ שילדל איבער דיר.

132

פֿאָרסט אַוועק, מײַן פֿרײַנט, —
דערוועקט זיך די אײַנגעשלאָפֿענע ניט־הײמלאַכקייט אין מײַן שטוב.
די גאָלדענע ליכט אין מײַנע פֿענצטער טוט אָן טונקלען ראָק
און לייגט זיך שטיל בײַ דער אָפֿענער שוועל פֿון מײַן נאָענטקייט צו דיר,
ביזט אַרויס פֿון מיר, ווי אַ זון וואָס גייט אַרויס פֿון טאָג
און ווערט פֿאַרלוירן אין דער טונקלער ווײַטקייט פֿון די בערג.
פּוסטלאַך, ליידיקלאַך אין די אײַנגעקרומטע ווענט פֿון מײַן געמיט,
אָן אײַנצלנער זיץ איך געבויגן איבער אונזער טיש.
איין גלאָז ווײַן אָפֿן טיש.
דער אָטעם באַם צווייטן עק,
רחבֿות׳דיק צעשפּרייט די הענט,
קוקט מיך אָן,
פֿרעגט ניט וואוהין דו ביזט אַוועק.

133

כ׳וועל רופֿן צו דײַן ווײַטן לאַנד,
ווי אַ זון אַ פֿאָטער.
קום צו מיר,
באַשיץ מיך
און פֿיר מיך אין דײַן וועג.

134

כ׳בין אַ גרעזל אויפֿגעוואַקסן אַף דײַן ערד
אין צעבליטער גרינקייט פֿון דײַן פֿרילינג.
כ׳בין נידעריק און קליין, פֿאַרשעמט.
ברענג מיר אין פֿרימאָרגן ס׳לויטערקייט פֿון דײַן געפֿיל,
פֿרישע פֿײַכטקייט פֿון דײַן וואָרט אין דײַנע ווײַסע הענט.

135

פֿליט אַ פֿויגל אין נאָכזומערדיקן פֿעלד,
מיד זײַנע פֿליגל.
דו אײנציקער בוים,
שטרעק דײַן האַנט צו אים;
בעט אים אין דײַן רו.
גרייט אָן פֿאַר אים די עלטסטע צווײַג,
ס׳ברייטסטע ווינקל,
וועב אויס אַ ווייכע נעסט,
שפּרייט דײַן גוטסקייט אונטער אים.

136

וועל איך שוין מער ניט זען דאָס אויפגעגאַנגענע ליכט
איבער דיין ווייס-געגרייטן שבת׳דיקן טיש.
דאָס ווייסע שבת׳דיקע ברויט,
די יום-טוב׳דיקע שטילקייט אַרום דיר,
די קליינע דינע ווערטער פון דיין רו,
די ווייענדיקע פרייד פון דיר.
שווער וועט זיין דער קומענדיקער טאָג פון וואָך
אונטער דער משא פון מיין ביינקשאַפט;
מיינע שווערע שעה.
כ׳וועל שוין מער ניט קומען אונטערן דאַך פון דיינע העלע טעג
רוען מיינע מאַטע איינגעמידטע יאָר.

137

פון מיר צו דיר אַ וויטער גאַנג,
נאָר מיינע דראָבנע יונגע טריט
אין וועג צו דיר.
צום קליינעם שטיבל
אונטער דער הויכער זון פון דיין ליד,
באַ דער זייט פון וואַלד, אונזער וואַלד,
קום אַרויס, שטרעק אויס אַ האַנט פון ליכט
— וועט ליכטיקן דער וועג פון מיר צו דיר.

138

די נאַכט מיט אַ שווערד פון בלאָען שטאָל
האָט פאַרוואונדעט מיין ווייסן שוואַן,
— מיין טאָג,
און טראָפּנס פריש בלוט הייגנען
איבערן הימל פון מיינע טונקלע נעכט.

139

ווי פון ברוין-הויטיקן בוים
ווייס דאָס האַרץ פון אַלטן נעגער.
וואַרימקייט געבראַכט אין ווייסע שטיבער,
אַף זיינע אַקסל ליגט דאָס לאַנד.
שטיינער קאָן ער מער ניט טראָגן,
די ברוסט געבויגן צו דער ערד,
"You damned old nigger"
באַגריסט אים די זון יעדן טאָג.

140

כ'גיי אין פעלד, אַ ניט-געטראָטענער מיין וועג.
פריער זומער, נידעריק דער זאַנג.
אַף מיין פּלייצע אַ טאָרבע ברויט,
אַ קריגל וואַסער באַ מיין זייט.
מיין רוקן בויגט זיך זייענדיק מיין מי.
כ'קום און גיי אַוועק מיט די פּי.

141

געלע בוימער,
געל-וואַקסענע ליכט
שטייען באַ מיין פענצטער,
ברענען.

142

ביזט ווייס ווי איך.
דיין וועג שפּאַרט זיך אָן
אין די געבויגענע ברעגן
פון מיין קרום לעבן;
אַ טונקלער ווינט
טרייבט זיך אַרום
אין דיינע העל-גראָע אויגן:
ביזט שוין אומעטיק ווי איך
און איך האָב דיך ליב.

143

פרימאָרגן,
טראָפּן טוי
באַם אויפגאַנג פון ערשטן שטראַל,
— בינטלאַך פּערל
אַפן ווייסן האַלז פון מיין געליבטער, —
ווייסע בלענדיקייט פון יונגע יאָר.

144

אַ נאָמען אויסגעקריצט אַף שטיין, —
אַ ברענענדיקער שייטער וואָס אַ ווינט האָט פאַרלאָשן און אָפּגעקילט.
אַ בליענדיקע רויז וואָס אַ פאַרשייטע האַנט האָט אָפּגעריסן פון דער בייט.
אַ זינגנדיק טייכל וואָס דער ים האָט איינגעשלונגען.

145

אַ נאָנע גייט אין גאַס,
ווייזט דער זון דעם גלוסט פון אירע גלידער.
גייט שטיל פאַרביי,
זעט קיינעם ניט.
פון די פאַלדן פון איר קלייד
פלייצט אַ טרויער ווי אַ דריבנער רעגן.
כ׳קום אַהיים, שלאָף איין,
שטייט זי באַ מיין בעט
און אין דער נאַכט איר ווייסע האַנט,
ווי אַ בלאַנקיקער מעסער
צייכנט אַ ווייסן זילבערנעם צלם אַף מיין האַרץ.

146

שנירלאַך העל־גאָלד אַף רויִקע לאָנען,
אויפגעשפּראָצט דין גראָז לעבן אונז.
מיר זיצןביידע באַ אונזער שוועל,
דערציילן מעשה׳לאַך פון קינדערישע יאָר.
טעג פון זון, טעג פון פרייד,
אין פאַרגאַנגענעם אַמאָל.

147

אָפן באַרג שטייט דיין הויז.
ליכט אין דיין פענצטער, —
וואַרטסט,
נאָר קומען וועל איך ניט צו דיר.
ווי אַ גלויביקער קנעכט
וועל איך אויפשלאָגן מיין ביידל
באַ די פוס־טריט פון באַרג,
און היטן ס׳ליכט אין דיין פענצטער.

148

איך גיי געבויגן
אונטער די שווערע שעה׳ן פון מיינע טעג.
— אַ בעטלער אין אַ וויטן וועג.
מיינע שטילע טריט,
מיין שטילער ניט־אַרויסגעזאָגטער פּיין,
מיינע טונקלע בעטלערישע הענט.

149

דער איינהאַנטיקער גייט שטיל איבער דער ערד.
מויל געשלאָסן, אויגן מאַט־שווייגנדיקער פּיין.
די לינקע האַנט טראָגט די שווערע טעג
הכנעה׳דיק און שטיל.
פּיס גייען בלינד פאַרביי — מיד און שווער.
דער ליידיקער אַרבל,
ווי דער געשאָכטענער האַלז פון אַ שוואַרצן האָן,
קוקט שטום אין די אויגן,
שווייגט.

150

ווייס ליכט איבער דיר
גייט אויף ווי זילבערדיקע רו.
דיין לאַנגע באָרד אויסגעוועבט אין לויטערקייט,
ווי אַ ווייסער טעפּיך וויקלט זיך אונטער דיינע טריט.
— ביזט אַ שנייאיקער פאַרנאַכט
אין די ווייטע פעלדער פון דיין ערד.
און ווען כ׳קום צו דיר,
בעטן רו באַ דיר,
קניט מיט מיר די שטילע לבנה
ווי אַ יונגע שוועסטער מיט אַ ווייסן שאַל אַרום האַלז.

151

פון וועלכע ווייסע שטובן,
פון וועלכע ווייסע וועגן
קומסטו צו מיר
אין דיין ווייסן קלייד?

פון וועלכן גוטן מענטשן,
פון וועלכן גוטן גאָט
ברייננגסטו מיר דאָס זילבער
פון דיין וואָרט?

פון וועלכע שטילע לידער,
פון וועלכע ריינע תפילות
ברייננגסטו מיר די קלאָרקייט
פון דיינע ווייסע הענט.

152

צווישן דיינע שעה׳ן,
צווישן דיינע ווערטער,
ווי אַלט-כינעזישע לידער,
גיי איך אום, דער אויסדערוויילטער,
דער איינציקער,
איבער קליינע בערגלאַך זילבער.
— ליכטיקע אויפגעשיינטע ווייצן
גייען אויף פון מיין טונקלער ערד.

153

צום קליינעם מלך׳ל פון מיין ווייסן לאַנד;
ווייסע שטילקייט,
ווייסע שטיבלאַך,
ווייסע קליינע פּי,
גיי איך יעדן אינדערפרי
אָפּגעבן די אויפגעגאַנגענע לויטערקייט אין מיר.

154

קליינע קנוילאַכלאַך זון
איבערן אויפגעלויכטענעם פּנים
פון דער ערד. —
קייקלען זיך אום יונגע ענטלאַך
אַקעגן דעם גאָלד פון טאָג.

155

אונטער מיר גייט די זון מיט אַנגעבויגענע טריט,
ווי מיין קליינע באָבע מיטן טונקלן גראָען שאַל איבער די אַקסל,
היטנדיק מיינע ניט-זיכערע, קינדערשע טריט,
כ׳זאָל זיך ניט פאַרקייקלען אין טיפן יאַר ניט ווייט פון אונזער שטוב;
אין הויכן גראָז — העכער פון מיין ברעם;
איבערן וועג, וואו ס׳לויפן די שווערע רעדער פון דער צייט.

156

פאַר דיין אויפגעהויבענער האַנט
האָב איך אַנגעבויגן מיין רוקן,
נאָר דו האָסט מיך ניט גערירט.
דיין האַנט איז געבליבן הייגען פאַרגאַפט
און איך האָב פאַרנומען דיין ערלאַכן געפיל.

157

כ׳בין אַ שטיקל ניט־אויפגעאַקערט ערד
באַדעקט מיט גראָז,
קומט אַ ווייס ציגעלע, —
די זון אין העלן באַטאָג
און גלעט די גרינקייט איבער מיר.

158

רעדנדיק מיט דיר, האָב איך זיך דערמאָנט
אין קליינעם בוימל,
וואָס מיר ביידע האָבן געפלאַנצט
אין ווייטן גרינעם פעלד
אונטער אונזער ווייסער שטילער שטוב.

159

שטילער, שטילער טאָג,
שלאָף איין ביי מיינע פיס
ווי אַ ווייסע קאַץ.
גלעט מיך מיט דיין ווייכקייט ;
צי אוים פאַר מיר דאָס ווייסע לייב פון דיין רו
און איך וועל זיצן און דיך גלעטן און גלעטן.

160

כ׳וועל קומען צו דיר אַריינשטעלן נייע שויבן אין דיין חרוב׳ער שטוב;
די אָנגעזאַמלטע בערגלאַך שטויב ;
די אָפּגעפּאַלענע שטיקלאַך ליים
וועל איך פאַרפירן עט־עט הינטער דער שטאָט.
פרישע לייוונטענע העמדער וועל איך אָנטאָן אויף די ווענט
און ווי אַן אויפגעקומענע זון אין דער מוטנער גראָקייט פון אַ טאָג
וועט העלן די ליכטקייט איבער דיינע שויבן.

161

פון מיינע שפּיצן פינגער רינט רויטע זוניקייט, —
פאַרגייענדיקע שטראַלן איבער ווערבעס.
כ׳גיי איין אין מיין מידקייט,
אין געל־האַרבסטיקייט.
טראָפּנס בלוט קאַפּען פון מיינע יונגע טעג.

162

ביזט געקומען ווי אַ פֿריש־זומערידיקער רעגן
מיט דורכזיכטיקע ברעמען,
און דיין גוטסקייט מיר געבראַכט.
מיין ערד איז טרוקן געווען,
דאָס זאַמד אַף מיין וועג האָט אין געל־שטויביקע וואָלקנס מיך איינגעהילט,
כ׳בין געווען אַ פֿאַרשפּעטיקטער קעמל אין מדבר, דורשטיק.
דו ביזט אָנגעקומען און פֿייכטקייט האָט געשמעקט פֿון דיינע הענט
ווי אַ געפֿונענער קוואַל. —

163

טונקל באַ דיר.
אַ מויז קומט אַרוים פֿון איר באַהעלטעניש
און דרייט זיך אום אין דיין שטוב.
די ביינקלאַך שטייען פֿאַרלאָזטע אין די הוילע ווינקלען, —
ס׳איז קיינער ניט געקומען און קיינער וועט ניט קומען.
וויקלט זיך די שטילקייט אין דער שטילקייט אַרום דיר
און די מויז גייט אום פֿון ווינקל צו ווינקל,
היט די ליידיקייט אין דיין שטוב. ס׳טונקלע שווייגן איבער איר.

164

קיינער וועט ניט זינגען אַפֿן בערגל פֿון דיין טויטער שעה,
קיינער וועט ניט קומען דיך באַגלייטן
אין דיין לעצטער שיידונג, —
דו וועסט אַוועק אין טונקלען טאָל פֿון נאַכט;
אין ווייטער שטילקייט,
ווען קיינער וועט ניט זען.

165

אַלץ ווי געווען.
די גרייז־גראָע באָרד פֿון אַלטקייט איז לייגער נאָך געוואָרן,
די שטומע ווענט האָבן זייער מאַטקייט אויסגעשפּרייט איבערן דיל
— געלע טעפּיכער שטויב.
די זון איז זעלטן דאָ געקומען,
די בוימער אַרום האָבן מיט די פּלייצעס זיך אויסגעדרייט אַהער.
דער הימל האָט איבערן דאַך זיך פֿאַרקוקט אין אַ פֿרעמדן גאָרטן,
די אַלטקייט איז געבליבן דאָ אַליין,
און די שטילקייט האָט איבערן קאָפּ איבערגעצויגן אַ גראָע קאָלדרע.

166

אין שטילסטן ווינקל פון מיין שטוב רוט גאָט,
אין רואיקן וויג־שטול
אין וועלכן איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאַרוויגט.

167

כ׳בין געקומען צו דיר ווי אַ פריינט,
אַ ברעקל ניט גערירט פון דיין טיש,
כאָטש כ׳בין הונגעריק געווען.
האָב דיין רייכקייט געזען;
די פרייד פון דיין זילבער און גאָלד
און דיין רו ניט געשטערט.

168

כ׳וועל שוין מער ניט טרינקען פון דיינע רויטע ליפּן
דעם יונגן וויין פון דיין לייב.
כ׳וועל שוין מער ניט זיצן בײַ דיין טיש
און קוקן אויף דיר, — אויפן זילבערנעם בעכער
וואָס איך האָב אויסגעטרונקען נעכטן בײַנאַכט.

169

איינמאָל אין אַ טונקלען פאַרנאַכט
האָב איך מיין שיפל געלאָזט
אין ברייטן ים,
וואו כוואַליעס ברייינגען צו קבורה
די שטראַלן פון טאָג.
איז די לבנה אויפגעגאַן
און מיט אַ העלן זילבערנעם אַנקער
פאַרטשעפּעט מיין שיפל
און מיך צוגעפירט צוריק צום ברעג.

170

דער בוים פון פרילינג מיט אויסגעשפּרייטע הענט
רופט מיך אין זיין שטילקייט, אין זיין גרינער שטוב.
פרעגט מיך ניט פון וועלכן לאַנד,
פרעגט מיך ניט פון וועלכער ערד,
נאָר זאַמלט אָן די בלעטער, —
אַ ווייך געלעגער פאַר מיין מידן לייב.

171

טונקל באַ דיר אין דיין האַרץ
ווי אין אַ באַנאַכטיקער שטוב,
די טיר האַרט צו דער וואַנט;
די פענצטער פאַרלאָשן און מאַט.
כ׳צי פאַרביי מיטן ליכט אין מיין האַרץ,
מיט מיין ברענענדיק ליבנדיק האַרץ!
און ס׳ליכטיקט אויף דיין שטוב,
און ס׳ליכטיקן די ווענט.

172

מיינע שטילע האָפנונגען ווי שנירלאַך אָסיענדיקע זון
האָט גאָט צעהאָנגען אַף די ווערבעס באַ מיין אָוונטיקן וועג.
און זיי פאַרגיין.
כ׳וועל זיך זעצן שטיל.
בלייבן זיצן באַ דער זייט פון וועג
און ווייטער שוין ניט גיין.

173

אַ פיצל סיגאַרעטל — מיין שטיקל אָפּגעברענט לעבן,
וואַלגערט זיך צעטראָטן אין מיסט לעבן מיר.
כ׳גיי אום אין דער פאַררויכערטער שטוב פון מיינע יאָר,
אונטערן ברענענדיקן דאַך פון מיין יוגנט
און ס׳פאַלן שטיקלאַך אָפּגעברענטע טעג פון אונטער מיינע טריט.

174

אַלטע מיידלאַך ווי טרוקענע בלומען.
דער פרילינג האָט זייערע לעפּלאַך ניט געקושט;
דער זומער איז זיי פרעמד פאַרבייגעגאַן;
קיינער האָט זיי ליבע ניט געבראַכט.
מיט פאַרבויגענע קעפּלאַך שטייען זיי מיד באַ מיין שטוב.

175

בוימער אין וואַלד,
ווי באָבעס וואָס וויינען אַף אַ טויטן,
מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ —
שאָקלען זיך.

176

אַ צווייַגעלע ליכט פֿון זון־פֿאַרגאַנג
הייגגט איבער דייַן קאָפּ,
ווי אַ זילבערנע שווערד.
וועט אַ ציטער טאָן דייַן קאָפּ
און ס'וועט פֿאַלן די ליכט
און די ליכט וועט פֿאַרגיין,
און דו וועסט פֿאַרגיין.

177

באַ דער אָפֿענער טיר פֿון דייַן האַרץ
שטייט די נאַכט מיט אַן אָפֿענעם מויל.
אַ טויטער טאָג געקליידט אין שוואַרץ
איז אַרויס פֿון דיר מיט שטילע טונקלע טריט.
האָסט ניט געהערט זייַן לעצטן טראָט,
האָסט ניט געזען זייַן לעצטע ליכט,
נאָר האָסט דערפֿילט די טויטקייט אַרום דיר.

178

אַ טאָרבעלע טרערן־גאָלד
האָב איך געפֿונען אַף דייַן ערד,
וועל איך דאָס טראָגן
אַף מייַן געבויגענעם האַלז
און ס'וועט שטיל ליכטיקן
איבער מייַן פּנים.

179

ביזט געקומען אין מייַן אייַנגעפֿאַלענער שטוב
און אַ ליכטיקייט פֿאַרזייט.
די אייַנגעבויגענע ווענט האָבן אויסגעגלייכט די פּלייצעס,
דער דיל — דעם רוקן,
דער ברייטער טיש איז אַרויסגעקומען פֿון ווינקל אינמיטן פֿון שטוב
און פֿאַרבעטן צו זיך די שטומע עלנטע בייַנקלאַך, —
אַ גאַסט איז געקומען זיך דערנעענטערן מיט אונז;
האָסט געבראַכט מיט דיר אַ פּעקל פֿרישע ניט־געהערטע ווערטער,
מיט באַנדן אַרום די ווייַסע העלזער.
וועסט זיי אויסלייגן אַפֿן טיש פֿון אונזערע ברייטע ליידיקע טעג,
און מיר וועלן זיצן אַרום מיט פֿאַרלייגטע שטילע קעפּ,
זיך וואונדערן און שווייַגן.

180

א שיסעלע אַש אַף דיין טיש, —
אַ מעסטעלע זון,
אַ קערבעלע פרייד,
געברענט און געברענט
און אויסגעברענט.

181

גיב מיר דיין רו — כ׳וועל רואיקער זיין.
גיב מיר דיין קלייד — וועט מיר ווארימער זיין.
גיב מיר דיין ברויט,
דיין וויין,
דיין שטילע היים,
וועל איך זיצן ווי אַ קעניג,
און דורך אַ שטרוי זיפּן דעם ווייסן האָניק פון מיינע טעג.

182

צו מיין טויט
וועט קיינער קומען.
איך אַליין
וועל ברייגנען בלומען
צו מיין פאַרגיין.

183

ווען דו וועסט קומען צו מיר, וואו וועל איך אַהינטאָן
די ניט־דערגרייכטע צו דיר מיינע בענקשאַפטן;
די שיינע פרויען אין מיין שטוב;
זייער יונגשאַפט אַרום מיר;
די קליינע קינדער, ניט דיינע קינדער, —
העלע מאָרגנס וואָס זייערע גלעקער זיינען טויב געווען פאַר דיר.
נאָר מיין לייב דערוועקט מיין פאַרגאַנגענע נאָענטקייט צו דיר.
כ׳וועל אויפהייבגען די ווייסע פאָרהאַנגען אַף מיינע ריינע פענצטער,
ס׳אויסגעוועבטע טישטוך פון אונזערע העלע טעג;
די רויטע לײדנשאַפט פון ווייכן טעפּיך אויסשפרייטן אַפן דיל.
די מאָרגנדיקע זון וועט קומען, זיך זעצן בײַ מיין טיש.
איך און דו, די זון
מיר וועלן טרינקען אַלטן אַלטן וויין.

184

דו ביזט טויט.
דיין געליבטע האָט לאַנג שוין פֿאַרגעסן
אין די העלע האָר פֿון בלאָנדן דיכטער.
די אָנקומענדע טעג פֿון נאָך דיין אַוועקגיין
האָבן זי גערופֿן צו זיך ;
אין זייער ווייכן זומער,
און זי האָט אַריבערגעשפּאַנט
ס׳קליינע בערגל פֿון דיין טויט.
נאָר דיין מוטער גלעט נאָך איצט דיין בלאָנדן קאָפּ
באַ די שטומע ווענט פֿון איר שטוב.

185

אַלטע יאָר גייען פֿאַרביי
מיט קליינע שטילע טריט,
איינגעבויגענע רוקנס,
שטעקנס אין די הענט.
אַלטע לייט ציילן זשאַווערדיקע שטיקער קופּער,
מאַטע זונען וויקלען זיך אַרום זייערע דאַרע לייבער.
אויסגעברענטע צווייגן ליכט,
אויסגעוועפּטער געלער ווייַן.

186

כ׳שפּרייט אויס מיינע פֿליגל איבער דיר
און דו גייסט אויף אין מיר,
מיין קליין אידיש ליד,
ווי אַ הענדל
פֿון אונטער די ווייסע פֿליגל פֿון זיין מוטער.

187

דיין קליינע האַנט — מיין נעסט ;
כ׳פֿלי אַוועק,
כ׳קום צוריק.
כ׳זעץ זיך שטיל באַ דיין ווייכן לייב,
כ׳לען אָן מיין קאָפּ צו דיר
און הער דיין שטיל און ליכטיק וואָרט.

188

מיר זיינען אַרוים פון דיין פינצטערער שטוב
אין דער ווייסער נאַכט אַרום אונז,
דער וועג איז אַ ווייסער געווען;
די שטערן האָבן געליכטיקט
העל-גאָלד ליכט;
אונזערע אויגן האָבן געוואַרט
ווען די לבנה
האָט זיך שלאָפן געלייגט
אין ווייסן בעט פון די וואָלקן.

189

די אָרימקייט בײַ אייך אין שטוב,
ווי אַ קראַנקע פאַרכעוואַטע קאַץ,
דרייט זיך אום,
ציענדיק גראָע פלעקן עלנט
אין די ווינקלען.

190

טעג צינדן שטילע פייערלאַך
בײַם ברעג פון מיינע נעכט.
כ׳בין שוין אַלט.
ס׳אָנגעגרייטע האָלץ ווערט ווינציקער
מיט יעדן פלאַם;
די קליינע שפענדלאַך
(שטיקלאַך אָפּגעשפּאָלטענע האָפנונגען.)
מיט די קעפלאַך צו דער ערד,
ליגן צווישן די שטויבלאַך אַש
וואָס דער ווינט האָט אָנגעווייעט אַרום זיי.

191

בײַם שטילן טייך,
אין רואיקע נאָכמיטאָגס,
הער שטיל זיך איין
צו די ווייטע שטורמטעג
פון דיינע יאָר.

192

אויסגעשפּרייטע אָרימקייט. ווי אַסיענדיקע טעג. אין אַלע ווינקלען פון דיין שפּ
דער טיש, אַ בוים אויסגעטאָן פון זומערדיקע קליידער.
ערד גראָ און שטויב.
אָפּגעפּאַלענע בלעטער ליגן שטיקער פון דיין שטאַרבנדיקן חלום
אַף די איינגעבויגענע ווענט. —
טעג פון זון, טעג פון יונגער פרייד.
ספרים אין אַ ווינקל מיט אויפגעריסענע רוקנס ווי ס׳ הוילע פעלד נאָך שניט
עלנטע און שטומע,
ס׳איינציק ביינקל וואָס פלעגט ברייגנען רואיקייט דיין לייב
לויפט אַרום ווי אַ פאַרטריבענער הונט מיט אַן אונטערגעשלאָגענעם פוס.

193

ווען כ׳בין אַריין אין דיין פעלד,
האָבן די זאנגען זיך געוויגט איבער מיר
ווי עלטערע ברידער.
כ׳האָב אַרויפגעקוקט, זיך געוואונדערט,
וואָס מיינע ברידער געבוירענע מיט מיר
זיינען אויסגעוואַקסן אַזוי הויך.

194

געלע, מידע קעץ, טעג אַרום דיר,
דערוואַרטן דעם זונפאַרגאַנג,
דיין שלאָפן גיין.
ווען דו וועסט אַוועק,
וועלן זיי זיך טובל׳ן אין זילבער-ליכט
פון דער אויפגעקומענער לבנה
און ווערן ווייס. —
וועל איך קומען צו זיי,
גלעטן און איבערדעקן מיט דער בלאָ פון מיינע שטילע נעכט.

195

האָסט אַ לעכעלע אויסגעברענט אין מיין האַרץ,
ווי אין אַ קאַקוס-ניס.
אַ שטרוי אַריינגעשטעלט,
און זיפּסט דאָס בלוט,
די לויטערקייט פון מיר.

196

ס׳גאָלד פון טאָג איבער דיר ווי די קרוין אַפן קאָפּ פון יונגן מלך,
אין דיינע הענט דער זילבערנער סצעפּטער פון אונזער מלוכה.
יעדער טיר איז אָפן פאַר דיר;
יעדער האַרץ איז אָפן פאַר דיר;
יעדער פרוי איז נאָענט צו דיר. —
נאָר גייסט אַנגעטאָן אין מיין פריינטשאַפט ווי אין ווייסן וואָל,
קומסט אין מיין קליינער שטוב איינבויגנדיק דיין קעניגלאַכע הויכקייט,
זעצסט זיך שטיל מיט מיר אַף אַ פּשוט׳ער הילצערנער באַנק
און פרעגסט מיך וואָס איך טו, און פרעגסט מיך וואָס איך וויל.

197

כ׳בין געשלאָפן מיט דיר אין דיין ווייסן בעט,
ווייס געוועזן די ליכט איבער אונז, ווי אַ שטילע לבנה.
מיר האָבן זיך ניט געשעמט מיט אונזערע הוילע ווייסע לייבער.
דער מאָרגן איז געקומען, דורכן פענצטער אויסגעשטרעקט אַ האַנט
און אָנגערירט אונזערע קעפּ.

198

שפּרייט אויס דיין געלעגער אונטער מיין בלאָער נאַכט,
לייג זיך אַף מיין ווייכער ערד,
אַף מיין זומערדיקער ערד.
וועב אויס אַ געוועב פון די זילבערדיקע פעדים פון דער לבנה
און וואַרט, וואַרט פאַר מיר.

199

אַן אַראָפּגעפאַלן בלאַט דער מאַטער זומערדיקער טאָג
באַ דיינע פיס.
שפּעטע האַרבסטיקייט אַף דיין ערד.
וועסט ניט גיין אין פרעמדע פעלדער זוכן דיין פאַרגאַנגען גאָלד,
וועסט שטיין אַליין, געוויקלט אין מאַטן קלייד פון דיין וואָר.

200

דו גייסט מיט מיר אין גאַס מיט די טריט פון אַ מיטליעריקער פרוי.
דיין פּנים, נאָך אַ רעגן דאָס פעלד; האָר, פאַרנעצטע שטרוי.
דיין בליק קילבלאָך און גרוי.

דו גייסט מיט מיר אין גאַס און, ווי נעכטן, מיר רעדן וועגן זומער,
כ׳הויב מיין פינגער צו דער זון, דו ווערסט שווייגנדיקער, שטומער,
אַף דיין אַקסל אַ טאַרבע פול מיט יאָמער — אויס זומער.

201

מענטשן קומען אין דיין שטוב מיד, פאַרשטויבט,
דורך ווייטע וועגן, איבער בערגלאַך ביינקשאַפט,
מיט קלומקעס ליבשאַפט אַף די פּליִיצעס.
און דו, אין דיין ליכטיקייט, קוקסט איבערן דאַך פון דיין שטוב
און רופסט זיי צו דיר אין דיין רו.

202

מיר טרינקן טיי מיט לימענע
באַם ליכט פון דער לבנה.
לבנה־שיין — טיי אין אַ ווייס גלאָז
ווי אין אַ ווייסער נאַכט.
גרינג אונזער געמיט,
די בלאָנדע גוטסקייט פון טיי
רינט איבער אונזערע ליפּן.
מיר רעדן קליינע ווערטער שטילקייט און שלאָפן איין
זיצנדיק באַ דער ווייסער נאַכט, ווי באַ אַ ווייס־געשפּרייטן טיש.

203

פון דער הויט פון דיינע מידע שטילע נעכט
שייל אַרויס די ווייסע פרייד פון דיינע טעג,
פעסלאַך העלן שיין;
שוואַרצע קריגלאַך ווייַן;
אַ ווייסע טויב איבערן טונקלען דאַך פון דיין שטוב.

204

העלע מאָרגנס,
ווייסע קליינע לעמער,
וועלן קומען זיך פּאַשען
איבער די אויפגעגרינטע בערג
פון אונזער זומער.

205

מיין האַרץ האָט ווייסע רויזן געבליט פאַר דיר,
מיינע ווערטער ווי פייגל באַם פענצטער פון דיין טאָג
האָבן ס׳ליד פון זון דיר געבראַכט.
ביזט געווען אין מיר אַ ווייסע טויב אין איר נעסט.
און ווען דו ביזט אַוועק פון מיר איז פּוסט געוואָרן מיין האַרץ,
די רויזן האָבן זייערע פּנים׳ער מיט געלע טיכלאַך פאַרדעקט.

206

דו ביזט שטיל געווען, פֿאַרטראַכט.
דײַנע ליפּן האָבן מחילה ניט געבעטן.
דער מאַטער בליק פֿון מײַן אָפּגעברענטער שטוב
האָט שטום געקוקט איבער די געפֿאַלענע קעפּ פֿון מײַנע קינדער.
נאָר איך בין צוגעקומען צו דײַן שוועל, זיך געבוקט,
אויסגעשטרעקט צו דיר מײַן האַנט און דיר געוויזן
מײַן אָפּגעברענטע שטוב.

207

ווי אַ פּאַסטוך וואָס האָט פֿאַרלוירן זײַנע שאָף,
מיט דײַן הויכן שטעקן,
די טאָרבע ברויט,
ס׳קריגל וואַסער,
שטייסטו אַפֿן קליינעם בערגל פֿון דײַן עלטער
זוכנדיק די צעלאָפֿענע, פֿאַרלוירענע דײַנע טעג.

208

שפּרייטסט דײַן האַנט,
ווײַזט דעם וועג,
קלאָר דײַן בליק,
זי וועט זײַן צוריק
מיט קומנדיקן ווינט פֿון דײַן דערפֿרייאונג.

209

כ׳גיי אום איבער דער ברייטער וועלט אין ענגע האַרטע שיך,
און בײַ יעדן שפּאַן זוך איך אָפּרו פֿאַר מײַן לײַב.
בײַ יעדער שטוב ווײַכע גלאַטע שטולן איבערגעזעטיקטע אין רו,
ווי מענטשן נאָך געשמאַקע מיטאָגס, שטייען ליידיקע און פֿוילע.
כ׳צי פֿאַרביי. די ווײַסע פֿאַרהאַנגלאַך איבער מײַנע אויגן
ווי שטילע פֿרויען בלײַבן אָפּגענאַרטע קוקנדיק אַהין.

210

אין יאָסל קאָהנ׳ס שטאָט זיצט לינקאָלן אין בראָנזענע קליידער.
מיט אַ רואיקן בליק איבער נידעריקע דעכער טרוימט ער פֿון באַפֿרייאונג.
אַ נעגריש קינד ברענגט צו צו אים אַ בלום,
זעצט זיך שטיל אַף די קני,
דאָס קעפּל טוליעט צו,
און גלעט זײַן פֿאָטערלאַכע ברוסט אָנגעוואַרימט פֿון דער זון.

211

כ׳צייל ניט מיינע טעג.
די זון אַ רויטער עפּל
קייקלט זיך אַראָפּ פון די גאָלדענע צווייגן
און ליגט בײַ מיינע טריט.
כ׳קוק אויף קיינעם ניט.
אַ טאָג פאַרגייט.
אַ זון פאַרגייט.
נאָר ווען דו האָסט היינט דערציילט פון דעם לעצטן זונפאַרגאַנג
האָב איך געהערט די רייד, און מאָרגן שוין געציילט די טעג.

212

די לבנה, אַן אויפגעשניטן האַרץ,
קוקט מיר אין די אויגן, —
די וועלט איז אָפן פאַר מיר,
די נאַכט אין ווייסע ליכטיקע קליידער
ווי אַ טונקלע פרוי, נעמט מיך בײַ דער האַנט
און פירט מיך צו זיך,
כ׳וועל קומען אין איר בלאָער שטוב,
אין איר אָוונטיקער רו,
און וועל קיינעם מער ניט זען,
און וועל אין ערגיץ קיינמאָל גיין.

213

קומט אַ טאָג, קלאַפּט שטיל בײַ מיר אין טיר
מיט דאַרע הענט.
כ׳גיי מיט לייכטע טריט און עפן שטיל מיין טיר. —
אַ גראָער זקן, בלייך ס׳פּנים,
די ווייטע ווייסקייט פון זיינע יאָר
געבויגן שפּאַרט זיך אָן
אויפן דעמבענעם שטעקן פון זיין אַלטקייט;
— דער עלטערזיידע פון מיין נעכטן
גייט אום בײַ מיר אין שטוב,
כ׳ליג זיך שטום בײַ זיינע פיס
און הער זיך איין אין זיינע אַלטע רייד.

214

כ׳וועל אַוועק אין דער שטילסטער גאַס
וואו מענטשן זיינען מיד.
מאַטע זונען אַף בערגלאַך אַש, —
אויסגעברענטע שייטערס פרייד.
באַ נידעריקסטער שוועל פון נידעריקסטער שטוב
אַן אַלטע פרוי טונקל שטריקט אַ זאָק;
אַ לאַנגער פאָדים דאַרע יאָר אויפגעוויקלט אַף אַ דאַרן פינגער,
שטויב פון אָפּגעוועלקטע שטאַרבנדיקע גלידער.
אַלטער שפּינוועבס אין די ווינקלען.

215

מיר האָבן רויטע פערשקעס געריסן אין דיין גאָרטן.
די זון האָט זיך פאַרקליבן אין דיינע האָר.
דער ווינט האָט געוועבט דעם גלוסט אַרום אונז.
דיין היים איז היימיש געווען,
דיין מאַן האָט וואַסער געטראָגן אין הויז,
דער גרויסער, האָריקער הונט האָט געהיט דיין יעדן טראָט.
נאָר איצט ביזטו שוין נישטאָ.
דיין בלאָנדן קאָפּ וועסטו אין מיינע אויגן מער ניט זען,
נאָר די רויטע פערשקעס וועלן אים דערמאָנען יעדן יאָר.

216

אין דער הוילער מדבר, ווי אַ טייטלבוים.
אַרים און טרוקן די ערד אַרום דיר.
נאָר באַ דיינע פּיס ריזלט שטיל אַ קוואַל,
אַ פאַרלוירענער פויגל פאַלט צו
און שטילט זיין ברענענדע דורשט.

217

ווען ס׳וועט מיר אומעטיק
צינד איך ליכט אין מיין שטוב.
גיי אַרויס און זיץ
באַ מיין שכנ׳ס שוועל,
קוק אַף מיין אויפגעלויכטענער שטוב,
און ס׳וועט מיר ליכטיקער,
ס׳וועט מיר היימלאַכער —
ליכט אין מיין שטוב.

218

מיין אָטעם שיינק איך דיר.
מיין הוט און מיין שטעקן, —
מיין איינציקן זון.
דאָס אַלץ וואָס איך פאַרמאָג.

219

כ׳בין קיינעם גאָרניט שולדיק,
אַלע מיינע חובות אָפּגעצאָלט דער וועלט.
דעם קליינעם קעצל פלייש געבראַכט,
דעם רייט-פערד האָבער אָנגעשיט,
דער פרוי אַ שנירל פערל,
דעם לאַנד מיין שבועה און מיין בלוט.
גיי איך איצט איבער דער ברייטער וועלט
ווי אַ גרייזער זקן, —
כ׳האָב אַלע מיינע חובות אָפּגעצאָלט דער וועלט.

220

האָסט מיך דערמאָנט אין מיין גאָלדענעם זומער
וואָס ליגט איצט באַ גאָטס פיס,
ווי אַ דערשאָסענער לייב.
כ׳בין געבוירן אין פעלד פון דער וועלט,
זיך געכאָוועט אין דער צעוואָקסענער גרינקייט
פון איר געדיכטן זומער,
אויפגעקומען ווי אַ לייב,
איז אימיצער געקומען
מיר דעם טויט דערלאַנגט אַף זיין רויטער צונג.

221

דרייסט זיך אַרום אין די ברייטע שטובן פון מיין וואוינונג
מיט אַ גאָלדן בעזימל אין האַנט.
אַ ווייס טיכל איבער דיין קאָפּ,
דיין ווייס, אַנטפּלעקט לייב!
טרייבסט אַפּ דעם געלן שטויב פון מיינע פאַרזעסענע, פאַרשפּינוועבטע שעד
און איך הער זיך צו צו דיינע לייכטע טריט,
צו דער ווייענדיקער שטילקייט אַרום דיר.

222

איבער מיינע פּלייצעס ליגט די משא פון מיינע שווערע טעג.
כ׳גיי פון ווייטן לאַנד, פון אויסגעוועפּטע טייכן,
וואו מיד און געל ליגט ס׳אָפּגעוועלקטע גראָז
צווישן בודיקעס און קראָפּעווע מיט שטאָלצע קעפּ.
כ׳טראָג די פאַרטרוקנטע צווייגלאַך פון מיינע אָפּגעבליטע טעג,
בינטלאַך זאָרג ווי זעקלאַך אָנגעפילט מיט זאַמד.
שטיל געבויגן, אָן אַן איינציק פריידיק וואָרט,
אָפּגעצאַמט פון מיין יונגן וועג.
כ׳וועל אַנידערלייגן די פּעק בײַ דער הוילער ערד
אין קליינע קופּקעס אויסלייגן די צווייגלאַך,
צעבלאָזן פייער. און אַף די שווערע זעקלאַך זאַמד
רוען מיין איינגעמידט און מאַט געוואָרן לייב.

223

ווען דו ביזט נישט אַפן פעלד,
גלעט דאָס פעלד די שטילע חנ׳עוודיקע לעמער;
דער טייך פאַרשפּילט זיך מיט שוואומענדיקע יונגע ענטלאַך;
די בוימער אין וואַלד דערציילן זיך לעגענדעס.
נאָר ווען דו ביזט נִיט מיט מיר
וועלק איך איין ווי די ערד אַרום מיר.

224

ביזט אויך אַמאָל, מיין שטעקן, אַ צווייג געווען.
מיט אויסגעשפּרייטע הענט געגרוסט די זון, די ערד;
דעם פאַרבייגייענדיקן זומער.
נאָר ווען האַרבסט האָט אויסגעטאָן דיך נאַקעט
און הויל געשטעלט דיין לייב אַקעגן ווינט,
ביזטו געקומען אין מיין שטוב,
ס׳שטילסטע ווינקל אויסגעזוכט
און וואַרטסט, וואַרטסט אַף מיין האַנט.

225

יענע טעג,
יענע שטילע פריידן,
יענע שטילע שעה׳ן, —
וויים-זעגלדיקע שיפלאַך
שווימען איבערן ים
צו די ווייטע ברעגן
פון אַ ניט-באַוואוסטער ערד.

226

מיד און אַלט און נידעריק געבויגן,
מאַט און קאַלט דער בליק אין זיינע אויגן,
דינע הענט און מאַגערער גוף,
ווי אָפּגעהאַקטע צווייגן שאַרן די פּיס
דעם שטויב פון דער ערד.
ס׳ביסל האָר אַף זיין קאָפּ,
ווי פאַרבליבן גראָז אַף אַן אָסיענדיק בערגל.

227

זון,
פאַרגיי אין אָוונטיק ליכט
פון מיינע פאַרנאַכטן,
ווי אַ פּיצל רויטע האָפענונג.
דעק מיך צו מיט דיין דין גאָלדן קלייד,
לאָז ליכטיקן דורך דיר
די נאָענטע בלאָ,
די נאָענטע שטילקייט
פון מיין לעבן.

228

דיינע שיינקייטן וועל איך מער ניט געפינען.
אויסגעוועוען אין אַלע דיינע גערטנער;
אָנגעביסן אַלע דיינע פּירות;
דיין ריח טראָפּנט איבער מיר
ווי אָסיענדיקער רעגן.
אין דיין נאָענטקייט
גיי איך שטום פאַרביי
ניט אויפהויבנדיק די ברעמען.

229

ווען נישט דאָס סיגאַרעטל,
די בלאָנדע יונגע ווייב,
דאָס קריגל שטאַרקער וויין,
וואָלט שוין לאַנג מיך עמיצער געפונען
מיט אַ לאַנגן האַלז אַף אַ שטילער ווערבע.

230

באַ קליינע ווייסע שטיבעלאַך
שטילע ווייסע קעץ,
ווי ווייסע פּרייטיקלאַך
ליגן באַ די שוועלן.
די טיר פון וואָך איז צוגעמאַכט,
די פענצטער דרימלען איין,
די זון מיט אַן עמער גאָלד
מאָלט די דעכער אָפּ
גאָלדיק רויט
פאַר דער רו פון שבת.

231

רעגן,
רעגן אָן אין אַלע פעלדער
מיט דריבנע דינע טראָפּן,
זאָל זיין שפע אָף דער ערד!
די גאָלדענע גערעטעניש וועט אויפגיין,
דו וועסט זיין דער גאָט
צו וועמען אַלע מענטשן
וועלן בעטן יעדן אינדערפרי.

232

באַ מיין קליין שטיבעלע
רוישט דער ים.
כ׳זיץ מיט אַ בוך לידער
אָף די קני,
די קאַץ שטרעקט די לאַפּקעס צו דער זון
און זשמורעט איין.
די רו פלייצט שטיל אַרום מיר
און כ׳האָב שוין פאַרגעסן
אַז דער ים רוישט באַ מיין טיר.

233

דיין ווייסער האַלז, —
אַ שטילער ווייסער ברעג
אין וועלכן ס׳שלאָגן זיך אָן
מיינע אויפגערעגטע,
אויפגעשוימטע קושן.

234

קלייד זיי אָן אין מיליטערישע קליידער
אין שטאָל, אין פייער,
מיט שמאָלע גלאַנצנדיקע באַיאָנעטן איבער די ברייטע קעפּ
און שיק זיי איינגעמען די וועלט.
זאָלן זיי גיין איבער די פעלדער פון דיין שונא׳ס לאַנד,
צעטרעטן ס׳גאָלד פון זיינע תבואות,
פאַרברענען די שטילע, קליינע דערפער,
אויסראָטן די בירגער,
איינטונקען דיין פאָן אין זייער בלוט
און זי וועט ווייען גערעכטיקייט
איבער זייערע טויטע קעפּ.

235

ביזט האַרט און שטייניק איז דיין האַרץ,
דיין ערד איז דאַר און אָסיענדיק דיין וואַלד,
ביזט אַלט און בייז געוואָרן אין דיין פריער יוגנט,
ווען דער ערשטער פרילינג האָט אָפּגעבליט אַף דיר.
שטיינער מיט אַרויסגעיאָגטע, שניידנדיקע שפּיצן
ליגן דיינע טעג אין דער ברייט פון וועג,
צעוואונדיקט דיינע פיס, צעקיילט די הענט
— געשאָכטענע העלזער פון ווייסע שוואַנען.
און דו גייסט נאָך אַלץ איבער דער ברייטער וועלט,
פאַרביי די גרינע שטילע לאָנקעס,
די ווייסע קליינע שטיבער,
די זאַטע וואַרימקייט פון יונגע בלאָנדע ווייבער
— פוסטע קליינלאַכקייטן פון שטילע זאַטע בירגער.
יעדן שטיין באַגריסטו ווי אַן אַלטן שונא,
שטרעקסט דיין שוואַכע איינגעמידטע האַנט
און מיט אַ קללה אַף דיין ליפּ
פאַרשאַרסטו אים אין תהום פון דיין פאַרגאַנגנהייט,
ציסט ווייטער אין דער ברייטער וועלט
דורך די ברענענדיקע פייערן פון דיינע וואַכע נעכט,
לעבן די פאַרקוילטע שטיקלאַך האַלץ
און אָפּגעברענטע פּיענעס פון דיין לעבן.

236

דאָס זומערדיקע טייכל,
ווי אַן ערדן קריגעלע,
ליגט אָפן,
אָפּגעדעקט.
די זון שטרעקט אויס
די גאָלדענע צונג
און לעקט
ווי אַ קליין ווייס קעצל.

237

מיין קליין שעמעוודיק מיידל,
ווי אַ רייף ווייס עפּעלע
אונטער דער זון,
אונטער אונזער זומער,
ווען קיינער וועט ניט זיין לעבן אונז,
ווען דער גאָרטן־היטער וועט ניט זיין,
וועל איך אַרויפקומען צו דיר
און אָנבייסן די לויטערע זיסקייט פון דיין לייב.

238

ליידיקע טאָרבעלאַך
דיינע לויזע נאָכגעלאָזטע בריסט.
עמיצער האָט זיך פּאַר׳גנב׳עט
ווען איך בין ניט געווען,
אויסגעשיט דאָס מעל פון זיי,
ברויטלאַך אויסגעבאַקן
און געשטילט זיין הונגער.
און איך וואָלט מיין גאַנץ לעבן
געזעטיקט מיט זיי.

239

בעט אים אין דיין פעלד
וואָס איז שוין גרייט פאַר שניט
און ווייז אים אָן דאָס אָרט
וואָס האָסט אָנגעגרייט פאַר אים.
מיט אַ ברייטער האַנט
דערלאַנג דאָס ווייסע ברויט,
דאָס קריגל קאַלטע וואַסער,
דאָס רואיקע געצעלט
און זיין מויל זאָל זיין געזעטיקט
און זיין אָפּגעטראָגן לייב זאָל רוען אַף דיין ערד.